„לשון און לעבן", וועלכער האט זיך קונה־שם געווען אין דער גאנצער יידיש־ליטעראַרישער וועלט.

„לשון און לעבן", וואס מיטן יאנואַר־נומער, 1964 ווערט דער זשורנאַל קין עין הרע, פינף און צוואַנציק יאָר, האבן זיך באטייליקט עד־היום אלע לאָנדאָנער יידישע דיכטער און שרייבער. א. נ. שטענצל באמיט זיך עס־כל אמצי כוח אויפצוהאלטן דאס געדרוקטע יידישע וואָרט.

עס לאָזט זיך ציען א שטיקל פּאַראַלעל צווישן מאָריס מייער, ע"ה, און אים צו לאַנגע יאָר א. נ. שטענצל. אין זיי האבן מיר פאר זיך צוויי יידישע רעדאַקטאָרן, וואס אין דער געשיכטע פון יידיש־לאָנדאָן האבן במשך פון אַפּאַר צענדליק יאָר אנגעפירט דער מיט א טעגלעכער צייטונג און דער מיט א חודש־לעבן ליטעראַרישן זשורנאַל. פאַרוואָס איז עס נאָר זיי געלונגען אויסצוהאלטן אט דעם נסיון ? גאָר פשוט, בלויז זיי אליין זענען געווען אזוי ערלעך איבער־געגעבן דעם יידישן וואָרט, דער יידישער קולטור.

ויכער איז דאס פינאַנציעלע פּראָבלעם אויך געווען אן אנגעווייטאַקט פּראָבלעם אפילו פאר זיי . . . אבער דאס יידישע וואָרט האט תמיד בייביידן געהאַט די אויבערהאַנט, געווען דאס וויכטיקסטע אין זייער לעבן !

און אויב מיר, די קליינע צאָל קולטור־טוער — י. ביעטש, מנשה וויסגראַז, אייזיק גאָלדבערג און אני הקטן בתוכם — לייגן צו א האַנט, כדי א. נ. שטענצל זאָל ווייטער קענען אָנפירן מיט „לשון און לעבן", איז עס ווייל מיר ווילן אַרויסווייזן אונזער אָנערקענונג פאר זיין ערלעכער איבערגעגעבנקייט דער יידישער קולטור־אַרבעט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויך אַפּעלירן צו אונזערע אַבאָנענטן, אז זיי זאָלן אונז רעגלמעסיק צושיקן דעם אָפּצאָל פאר „לשון און לעבן" און, אויף ווי ווייט מעגלעך, געווינען צווישן זייערע פריינט נאָך אַבאָנענטן פאר אונזער זשורנאַל. דערמיט, פאַרשטייט זיך, וועלן זיי העלפן, כאָטש אין א באַשיידענער מאָס, צו זיכערן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון אט דעם איינציקן ליטעראַרישן יידישן חודש־זשורנאַל אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד — „לשון און לעבן".

**נ. רובין** סעקרעטאַר פון „לשון און לעבן"

---

## אליהו פאַלושאַק ע.ה.

ביים סאַמע שליסן דעם נומער הערן מיר די טראַגישע ידיעה, פון אליהו פאַלושאַק'ס טויט. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו זיין טאָכטער, איידעם, אייניקל, שוועסטער וואס וווינען אין ישראל, און קרובים דאָ אין לאָנדאָן. אן אָפּהאַנדלונג איבער דעם שרייבער פאַלושאַק, וואס איז אויך, אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן, געווען א צייט דער סעקרעטאַר פון „לשון און לעבן", אין קומענדיקן נומער.

חבל על דאבדין

---

## יידין ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָג

33 בערנער סטר. (הענריקעס סטר.) בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 א זייגער

שבת דעם 25'סטן יאַנואַר — חמישה עשר־און שבת שירה־פּראָגראַמע.

שבת דעם 1 פעברואַר — דעם אָנדענקן פון מאָריס מינדל ע.ה.

שבת דעם 8'טן — די ישראל־זאַנגוויל פייערונג.

שבת דעם 15'טן — לכבוד דעם 25'סטן יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן".



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 386) פינף און צוואַנציקסטן יאָר פעברואַר 1964 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :


לכבוד פורים (שלח־מנות אויף א קליין טעלערל), און אדר ליד מאַסקעס ** 1

דניאל אין פורימדיקן פאָלקלאָר (עסיי) ............ י. ריכטיגער 4

שלח־מנות (פורים־לידער) ............ שמואל וזהייט 7

און אדם האט קאַפּיטולירט (המאַרעסקע) ............ משה בעקערמאַן 8

מיין טאַטע (ליד) ............ יוסף לעפּטעוויטש 12

דאָס מלחמה יאָר 1914 (המשך) קראָקאָדיל קאַדריל (צייט־לידער) ............

א. נ. שטענצל 12

אליהו פאַלושאַק דער שרייבער און רעדנער ............ יהודה ביעטש 31

צום טראַגישן טויט פון אליהו פאַלושאַק ע.ה. ............ אייזיק גאָלדבערג 32

ווייסט דער בוים אין וואַלד (ליד) ............ דאָרע טייטלבוים 34

לאָנדאָנער קולטור ידיעות

יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס ............ 34


## פריינט פון יידיש לשון

זונטיק, דעם 15'טן מערץ, 7 אזייגער אין אדלער האָל, אַדלער סטר. א.1.

א באַנקעט לכבוד דעם

## 25'סטן יאָר - גאַנג פון „לשון און לעבן"

רעדעס באַגריסונגען, רעציטאַציעס, געזאַנג — ביי געדעקטע טישן

איינטריט 3 שילינג ביי דער קאַסע

## פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
'LOSHN UN LEBN,' 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 386) פינף און צוואנציקסטן יאר פעברואר 1964 לאנדאן


## לכבוד פורים (שלח־מנות אויף א קליין טעלערל)

אז דער טומל פון א ווילנער שול־הויף, צי גאר שוין פון א לעמבערגער פיש־מארק האט זיך אריינגעכאפט אין אונזער דיכטונג־יריד, איז מילא: „יפיפתו של יפת באהלי של שם" — זאל זיין א ביסל יידישלעך אין אונזער וועלטעלע, אין אונזער וועלטלעכע ליטעראטור. סימן טוב ומזל טוב! ווי זאגן אונזערע הייליקע חכמים: „אין כתובא בלא תוגרא", זאל מען זיך ארומרייסן, מכוח רח"ש מכוח אנדערע זיבן זאכן, זאל זיין קנאת סופרים, תרבה חכמה.

אונטער הוילן הארץ־לעפעלע דער אץ־קוצץ־געקיצל, מיט מלרע ומלעל פון מאנטיקדיקן והוא־רחום, יאמביש־טראבאאמביש משקלדיק אויסגעצוויגן אויף כשרה בשר־ודגים־וואג־שאלן — — טאקע באמת מיטן פורימדיקן „ואחשתרנים": „האמער, דאנטע און פארשמאכטע דעבערבאנטע — א געפילט המן־טאש אויפצופלאצן! . . .

מילא, אז יעדעס קריטיק־ארטיקל,—רעצענזיע בלע"ז!—הייבט זיך אן מיטן פורימדיקן, מיטן שלשלת־פזרדיקן: „מי הוא זה ואיזה הוא" און לאזט זיך אויס מיטן גרייגערדיקן „ויבא": נאך אלע אחשורושדיקע „כרפס ותכלת" ולוויטער „זהב" סופערלאטיוון און מ'קומט צום פסוק, — צום ציטירטן פערז! — לאזט זיך אויס „וגם חרבונה זכר לטוב: נישט קשה, א לידל ווי אלע לידלעך, נאר אביסל ציגעפידלט און אונטער־געיידלט; איז אמאל געווען געהיינעט און גע־פושקינט איז יעצט געיעווטעניבט און געטוביכמט —

אלץ נאך צו הערליידן ווי שטייט עס אין דער הייליקער מגילה: „ישנו עם אחד מפזר ומפורד בין העמים" און אזוי ווייטער און ווייטער ביזגעלע הינדערט און צוואנציק יאר, נישט צו פארזינדיקן.

אבער איצט, אז ס'איז ביי אונז „ליהודים, — ממש אויף מעסער־שטעך! — מדרש שוין אויסגעגרייגערט דעם גאנצן: „היתה אורה, שמחה וששון ויקר" און מ'שטייט שוין אפגעהומלטע ביי דער טיר מיטן לידל:

„היינט איז פורים מארגן איז אויס,
גיטס מיר א קרעפל * און ווארפט מיך ארויס".

א כפרה די גאנצע ליטעראטור! מאמע לשון, ליריק — איין שווארץ יאר!!
אבי סקרעפל גיט אהער, מיטן גראשן ארויס און נאך מיר אויס — א מבול!

זעט איר, ס'איז טאקע „חייב אדם לובסומא בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי", אבער אז דאס זאל טאקע זיין דער גאנצער קנאת סופרים

* נוסח־אחר: א גראשן.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער קבלת פנים פאר מענדל מאן אין האטעל אמבאסאדאר, איינגעארדנט פון שרייבער־פעראיין און יידישן וועלט־קאנגרעס צו זיין באזוך אין לאנדאן צום דערשיינען פון זיין טרילאגיע אין ענגלישער איבערזעצונג, איז געווען זייער א פייערלעכע, עס האבן דעם בארימטן שרייבער־גאסט באגריסט קאלעגן און פארשטייער פון אינסטיטוציעס. מענדל מאן האט געהאלטן אן אויספירלעכן רעפעראט איבער די גדולים פון דער איצטיקער העברעאישער ליטעראטור. פארזיץ א. מ. קייזער.

די באקאנטע דיכטערין דארע טייטלבוים, וואס איז געווען דער גאסט פון ארבעטער־רינג, איז אויפגעטרעטן פאר א גרייסן עולם אין קארע האטעל, ווו זי האט געלייענט אירע לידער און גערעדט מיט גרויסער עמאציע איבער דער מאדערנער יידישער דיכטונג. דער נעגער־אקטיאר בערי דזשאנסן האט רעציטער דארע טייטלבוימס לידער איבערזעצטע אין ענגליש. דער עולם האט געמאכט אוואציעס דער דיכטערין. דעם פארזיץ האט געפירט אברהם האלאנד. דארע טייטלבוים איז אויך געווען ביי די ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס ווו זי האט געליינט אירע לידער און איז ווארעם אויפגענומען געווארן פונם עולם. אין א מסיבה צווישן פריינט און חברים איז די דיכטערין אויפגענומען געווארן אין הויז פון מלך שווארץ.

די בן־אורי זיך אריינציענדיק אין נייעם הויז, דיען סטר. 21 וו.1. האט דעם חנוכת־הבית געעפנט מיט א פיינער אויסשטעלונג, עס ווארפן זיך אין די אויגן די בילדער פון יוסף הערמאן, דעם יונגן קאסאף, די סקולפטורן פון סאקאל און א סך אנדערע . . .

אין קומענדיקן חודש הייבט „פריינט פון יידיש לשון" אן מיט זייערע זונטיק יידיש־אוונטן.

דער ייוו"א האט א נייעם אדרעס: 4 דעוואנשיער סטר. וו.1. טעלעפאן נומער מוזעאום 9253.

דעם 15 מערץ, פייערט פריינט פון יידיש לשון דעם 25סטן יארגאנג פון „לשון און לעבן" מיט א באנקעט אין אדלער־האל סטר.

סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד, דאס באקאנטע אקטיארן פארל זיינען צוריקגעקומען פון זייער טור פון אמעריקע.

ה. לייוויקס ערשטע יארצייט איז אפגעהאלטן געווארן ביי די שבת נאכמיטאגס, עס האבן גערעדט י. ביעטש, י. א. ליסקי געל.נט פון לייוויקס ווערק דער באקאנטער אקטיאר יידל־גאלדבערג, אייזיק גאלדבערג און בעלא וויינער.

סעם לעף האט געהאלטן א רעפעראט ביי די שבת נאכמיטאגס איבער דער פאליטישער סיטואציע אין דער וועלט אצינד.

הרב שפעטמאן שליט"א געפינט זיך אין לאנדאן האספיטל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

דער ארבעטער טוער חבר י. בירנבוים איז אין שפיטאל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

אין דער מלוה מלכה אין גרעט גארדן סטר. שול האבן זיך באטייליקט הרב צימערמאן שליט"א, ראבי שאפאטשניק, חזן מילך, משה לעדערמאן פרעזידענט פון דער פעדערעשן.

אין רידינג רום, ביי די זונטיק קאנצערטן האט דער זינגער חזן נארמאן מרגליות געזונגען חניש און יידישע פאלקסלידער.

די יובל־פייערונגען געווידמעט צו ישראל זאנגווילס הונדערטן געבוירן יאר, פון וועלט קאנגרעס, פון שרייבער פעראיין ביי די יידיש־ליטעראריש שבת־נאכמיטאגס, ביים סעמינאר פון יידיש וויסן זיינען אדורך מיט גרויס דערפאלג.

דעם טרויער־אוונט איינגעארדנטע אין ארבעטער רינג נאך דעם ארבעטער־פירער לאזאר ווידמאן אין געווען באזוכט פון א גרויסן עולם. פארזיץ א. האלאנד. ביים טרויער אוונט נאך מאריס מינדל האט געפירט דעם פארזיץ עלעק וואטערמאן.

ביי פריינט פון יידיש לשון איז איינגעארדנט געווען א יזכור נאך די דריי נפטרים א. בלום, מאריס מינדל און לאזאר ווידמאן.

אין די לעצטע וואכן אין די דינסטיק־לעקציעס ביים סעמינאר פון יידיש וויסן, אין קאנאן בארנעט סקול קאמערשל סטר. א.1. האבן זיך באטייליקט, יעקב זאנטאג, דר. האמא, עלעק וואטערמאן, בעלא וויינער.

היינטיקע וואך דער קאנפערענץ פון יידישן וועלט קאנגרעס אין וועלכן עס באטייליקט דר. יאכים פרינץ פון אמעריקע.

— דער מבול פון לידיקע ווערטער, די ווערעמדיקע סופערלאטיוון וואס קלע־בן זיך ווי ארבעס צו דער וואנט, — און טאקע קיין אנדערע ברירה נישטא ווי נעמען א כוסה אבער א גרויסע, און טאקע לכבוד פורים:

לחיים יידן, לחיים, און לשנה הבאה בירושלים, וועט מען ווידער העמלטברייען; און מיט א קרעפל פארקייען — אבער למען השם גוט פארדייען.

## אן אדר - ליד („משנכנס אדר מרבים בשמחה")

הער גאלד־באגלעקלטער כתר פארקליגגט די שול,
די מאנדריש מעשענע קרוין פאהילכט די גאס;
אויפן מזרח־וואנט צווישן די מוזיקאנטן,
ברומט צום העכסטן דער אויסגעפרעסענער באס.

און ווי עס ידלט זיך אזוי לידלט עס זיך!
ווי געבלאזן אין שופר, געפיפן אין טראמפייטס,
על שלושה דברים העולם עומד", הער טייטש:
אויף דריי־זאכן אונזער גאנץ וועלטעלע שטייט.

עס איז דער קיילעך ערד די גרויסע קעסל פויק,
אויפן הימל די זון די מעשענע טאץ,
און די נאכט אויף אלע פיר, א געהויקערטע,
לויפט אדורך א מיאוקעצדיקע שווארצע קאץ.

כ'האב היינט ביינאכט די קעץ געהערט פארן פענסטער,
און מיך דערמאנט: ס'איז דאך נאך ליבע פעראן!
ווי געשפאנט זיי שטייען איינס קייגן ס'אנדערע —
גאנצער זשונגל צונויפגעגראטשט אין איין שפאן.

## מאסקעס

1

וויפיל איך זאל נישט וועקסלען מיינע מאסקעס,
און ווי פארשידן די קאלירן נישט זענען,
אבער ווי לאנג נאך אין די אויגן־לעכער,
מיינע אויגן מיט אייגענעם פייער ברענען.

די שארפע ליניעס, די צעקנייטשע שטריכן,
די טיפע פעטע פאקסן־פאלטן אפילו,
בלויז ווען אונטער דעם אלעם, פאפירענעם,
מיינע אויגן צעברענען זיך מיט א תפילה —

רייך־אפגעוואשן נישט נאר פונם פנים,
אויפאיינמאל אלע מיינע מאוסקייטן ווערן,



אונטער אלע מאסקעס ביז טיף אין הארצן,
פון מיינע אויגן רינען די הייסע טרערן.

וויפיל איך זאל נישט וועקסלען מיינע מאסקעס,
אבער ווילאנג מיינע אויגן זענען אפן —
איין ווינק, איין פונק, איין בליק א ברענענדיקן,
אונטער א צווייטנס מאסקע נאר אנגעטראפן.

2

און ווען איך וועל אנטון שוין מיין לעצטע מאסקע,
ארויסקוקן קיין אויגן מער — צוויי שווארצע לעכער,
זאלן כאטש לייכטן צוויי בענטשליכט מיר צוקאפנס,
נישט ליגן כ'זאל ווי אונטער תליה א פארברעכער.

ווייסט ער דען, דער מענטש, אין זיינע פינסטערע וועגן,
וואוהין ס'פירן אים זיינע פארקרומטע וועגן?
דער לעצטער פירט דאך תמיד צום טויער פון טויט,
אבער ווער ווייסט, וועלכער ער איז, אין זיין אויפרעגן.

זאל דאך מיין ביסל לעבן, ווי נישטיק עס איז,
זיין מיר אזוי טייער ווי ס'לעבן פון א צווייטן,
קוקן אין מיר אריין, פארמאכן די אויגן,
לעצטע מאסקע, ווען צום טויטן־טאנץ אויסבייטן.

אין זיבן שווייסן שוין געוואשן דאס פנים,
ווילט זיך שבתדיק שלוההדיק אין דער ערד ליגן,
תהילימדיק שעפטשען הערן איבערן קאפ,
דעם נשמת כל חי אייביק וויגנדיקן ניגון.

3

יא, ס'איז דאס לעבן א מאסקעראדע,
און מאיעסטעט טויט נישט קיין סך בעסער,
ווילט זיך צומאל אין גן־עדן זיצן,
ביי אייגענע יין־שמורים פעסער.

אבוסה נאך א כוסה גענומען,
און מיט א שטיק שור־הבר פארביסן!
ווי צו יענעם וואס האט שוין די מאסקע,
פון פרצוף־פנים אראפגעריסן.

א סטראשידלע אויסגעשטעלט ער איז שוין,
א בייזע שרעק פאר אלעמענס בליקן;
אין זיינע ד'־אמות, פאר מורא,
פייגעלעך קערנדלעך נישט מער פיקן.

יא, ס'איז דאס לעבן א מאסקעראדע,
וואס שענזער נאר זיך קענען פארשטעלן;
וואס וואונדערלעכער, ווילדער די מאסקע,
גאט און מענטש פרייען מיט דיר זיך וועלן.

## י. ריכטיגער

# דניאל אין פורימדיקן פאלקלאר

די כראנאלאגיע פון פרס ומדי איז אין די תלמודים אן איינגעשרומפנע, זיי האבן לערך צוויי און פופציק יאר איבעריק געהאט פאר דער מלוכהשאפט פון די צוויי פרס ומדישע דינאסטיעס, און קוים אכצן יאר פון ערשטן מדישן מלך ביז דער בית המקדש איז פארטיק געווארן, (ראש השנה ג') דאס הייסט: אז די געשעעניש פון מגילת אסתר האט אויך פאסירט אין משך פון די אכצן יאר. די פראגע איז דעריבער געווען, אזוי ווי דניאל האט פארנומען א הויכן פאסטן ביי די ערשטע פרס ומדישע מלכים, ער איז געווען איינער פון די הויפט פארוואלטער אדער פרעמיער מיניסטארן, פארוואס ווערט ער ניט דערמאנט אין מגילת אסתר? האבן די דרשנים, כדי צו פארענטפערן די פראגע, זיך גענומען צו דער ארבעט און אויסגעטייטשט נעמען פון פיגורן אין מגילת אסתר, אז זיי זענען פסעוודאנימס אדער צונעמען פון דניאל.

ביידע תרגומים אויף מגילת אסתר האבן אנגענומען אז „ממוכן", איינער פון די זיבן איבערשטע־וועמען דער מלך אחשורוש האט געפרעגט אן עצה וועגן זיין ווייב ושתי, איז ניט אן אייגננאמען, נאר א צונאמען און וויל זאגן: „דער גרייטער". דער תרגום ראשון באהויפטעט אז מגילת אסתר האט געגעבן המנן דעם צונאמען ממוכן, ווייל ער איז שטענדיק גרייט געווען צו טוען שלעכטס, וועגן זיין עצה צו באזייטיקן די קעניגין ושתי פון טראן האט דער שיכורער אחשורוש באפוילן צו דערהרגענען איר, און מיט זיין מסירה, „ישנו עם אחד", איז אים געלונגען אויסצונארן פון אחשורושן דעם פארניכטונגס העקרעט אויפן פרס ומדישן ידנטום. אבער דער פארפאסער פון תרגום ראשון האט זיך פארגעסן אדער אן איבערשרייבער פון תרגום האט געמאכט א טעות און אין א ווייטערדיקן דרש אויפגעהאנגען דעם עצה געבער ממוכן־המן איידער המן מיט זיינע צען זין זענען געגאנגען צו דער תליה.

אויף דעם פסוק — „כשך חמת המלך אחשורוש": ווען איינגעשטילט האט זיך דער צארן פון מלך אחשורוש איז אים געקומען ושתי אויפן זינען, אויך וואס זי האט געטוען און אז זי איז באשטראפט געווארן מיט טויט — האט דער מחבר פון תרגום ראשון פארפאסט דעם ווייטערדיקן דיאלאג. — אחשורוש האט געפרעגט די זיבן עצה געבער וואס ממוכן־המן איז געווען דער הויפט־רייהער פון זיי, פארוואס האט איר די קעניגין ושתי אומגעבראכט. האבן זיי אים געענטפערט, דו האסט באפוילן צו הרגענען איר, ניט מיר, מיר האבן דיר געראטן אוועק צו נעמען פון איר דעם מלכות. האט אחשורוש געזאגט צו זיי אן אויפגערעגטער, איך האב ארויסגעגעבן דעם אורטייל אויף איר לויט



איער עצה און האט באפוילן מען זאל די זיבן עצה געבער אויפהענגען. (אסתר ב'־תרגום ראשון, מגילה י"ב) איז מחמת דעם וואס ממוכן־המן איז אויפגעהאנגען געווארן מיט די עצה געבער, האט מען דאך אים ניט געקאנט ווידער א מאל הענגען מיט זיינע צען זין. אחוץ דעם איז בכלל שווער אנצונעמען אז ממוכן זאל זיין המן, ווייל פון ממוכנס עצה איז ארויסגעקומען גוטס, ניט שלעכטס, דאס באזייטיקן פון די קעניגין ושתי האט געפירט דערצו אז אסתר זאל ווערן מלכה און המן זאל האבן א מפלה.

דער תרגום שני, אויף מגילת אסתר, האט דערפאר אנגענומען אז ממוכן איז געווען דניאל. מגילת אסתר זאל אים האבן געגעבן דעם צונאמען, ווייל ער איז שטענדיק גרייט געווען צו טוען גוטס, ער האט שוין פריער באוויזן נסים און פון הימל איז ער באשטימט געווארן צו זיין אחשורושס עצה געבער, כדי אסתר זאל ווערן מלכה און דער נס פון פורים זאל דורך אים געשעען. אויסער דעם הימלישן מאטיוו האט דער תרגום שני אויך בייגעגעבן אן ערדישן מאטיוו, ער באהויפטעט אז ממוכן־דניאל איז געווען דער עצה געבער אפצושאפן די פריקהייט פון די פרס ומדישע פרויען צו לעבן לויט די זיטן און צו ריידן דעם לשון פון זייער שטאמפאלק, ווייל די פרוי פון ממוכן — דניאל איז געווען א פערסישע פירשטין און זי האט ניט געוואלט מיט אים ריידן זיין לשון, נאר איר לשון — פערסיש. דער תרגום שני דרשנט אויך אז נאכן אפקילן זיך פון זיין צארן אויף ושתי האט זיך אחשורוש אויפגערעגט וועגן איר טויט אורטייל און באפוילן אויפצוהענגען די עצה געבער, אבער נאר זעקס פון זיי, ניט ממוכן־דניאל, ווייל ער האט געראטן בלויז צו באזייטיקן איר פון מלכות, ניט מען זאל איר דערהרגענען. (אסתר א' און ב'־תרגום שני, תוספות מגילה י"ב).

דער תרגום ראשון האט אויסגעזוכט אן אנדערע פיגור פון מגילת אסתר וואס זאל האבן געווען דניאל. אין מגילת אסתר ווערט דערציילט, ווען אסתר האט געהערט פון אירע מיידלעך אז מרדכי שטייט פארן קעניגליכן טויער אנגעטוען א זאק, איז איר איינגעפאלן אז גנבים האבן אים צוגעגנבט זיינע פירשטליכע בגדים און האט אים געשיקט אנדערע. זעענדיק אז מרדכי וויל ניט אננעמען די קליידער פון אירע שליחים האט זי גערופן „התך", איינעם פון די סריסים וואס איז באשטימט געווארן פון מלך צו באדינען איר, און האט אים באפוילן צו פרעגן מרדכין צוליב וואס ער טראגט א זאק און פארוואס ער האט ניט געוואלט אננעמען די פון איר צוגעשיקטע קליידער? התך איז געגאנגען צו מרדכין און מרדכי האט אים געגעבן דעם דעקרעט פון מלך, צו פארניכטן דאס פרס ומדישע ידנטום, כדי ער זאל ווייזן צו אסתרן און אנדרינגען ביי איר, זי זאל גיין צום מלך, בעטן און זיך משתדל זיין ביי אים פאר איר פאלק. התך איז צוריק געקומען צו אסתרן און איר איבערגעגעבן וואס מרדכי וויל האבן פון איר. האט אסתר געזאגט צו התך, ער זאל מרדכין דערמאנען, וואס יעדער איינער וויס, אז ווער עס קומט צום מלך אין זיין פריוואט הויף אומגערופן ווערט דערהרגעט, אחוץ דער וועמען דער מלך שטעקט אויס זיין גאלדענע ריט, און אזוי ווי איך בין שוין דרייסיק טעג ניט גערופן געווארן

צום מלך קאן איך ניט איינשטעלן מיין לעבן פארלאזנדיק זיך אז דער מלך וועט אויסשטעקן די גאלדענע ריט צו מיר. התך איז ניט מער צוריק געקומען צו מרדכין מיט אסתרס ענטפער, אנדערע באדינטע פון אסתר האבן מרדכין איבערגעגעבן אסתרס רייד . . . דער תרגום ראשון באהויפטעט אז דער התך איז געווען דניאל, דער צונאמען זאל זיין־לויטן תרגום ראשון־אן אפצווייגונג פון טערמין „חתך״: צעטיילן, ווייל אלע רעגירונגס ענינים ווערן דורך אים פארטיילט צווישן די פארשידענע דעפארטעמענטן. און דער תרגום ראשון פרעטענדירט, אז המן האט דעם הויפט פארוואלטער התך־דניאל דערהרגעט, זעענדיק אים גיין פון אסתרן צו מרדכין מיט באריכטן. דערפאר האבן אנדערע באדינטע פון אסתר איבערגעגעבן צו מרדכין אסתרס רייד, אז זי וויל ניט איינשטעלן איר לעבן און גיין צום מלך. (אסתר ד׳־תרגום ראשון)

די חכמים פון בבל רב און שמואל האבן אנגענומען דעם דרש פון תרגום ראשון אז ממוכן איז המן און התך איז דניאל, נאר זיי זענען ניט מסכים אז אחשורוש האט באפוילן אויפצוהענגען זיינע זיבן עצה געבער, ווי אויך ניט, אז המן האט דערהרגט דעם הויפט פארוואלטער התך־דניאל, און זיי האלטן אז די סיבה, פארוואס התך־דניאל איז ניט צוריק געגאנגען צו מרדכין איבערצוגעבן אים אסתרס רייד, זאל האבן געווען — וואס התך־דניאל האט ניט געוואלט זיין אן איבערברענגער פון דער שלעכטער בשורה צו מרדכין, אז אסתר וויל ניט איינשטעלן איר לעבן כדי צו ראטעווען דאס פרס ומדישע יידנטום פון אומקום. אבער רב און שמואל זענען ניט געווען איניק צווישן זיך וועגן דער פאזיציע פון התך־דניאל אין דער מלוכה פון אחשורוש, שמואל האט איינגעשטימט מיטן תרגום ראשון אז דער צונאמען התך זאגט — „שכל דברי המלכות נחתכין על פיו״: אז ער איז געבליבן דער פארוואלטער פון אלע רעגירונגס ענינים, און רב האלט אז דער צונאמען התך זאגט — „שחתכוהו מגדולתו״: מען האט אים פארשניטן אדער אראפגעזעצט פון זיין הויכן פאסטן, ער איז געווארן א באדינטער פון אסתר. (מגילה ט״ו) ווי מען וועט ווייטער זען האט רב אנגענומען אז די דעגראדאציע פון התך־דניאל איז געווען א שטראף פון הימל.

נאכן פארכאפן א ריי לענדער און חרב מאכן ארץ ישראל מיטן בית המקדש זאל האבן נבוכדנצר מלך בבל געהאט געוויסן־ביסן און געזען משונה־דיקע חלומות. איינמאל האט ער געחלומט א חלום, וואס קיינער פון זיינע אצשפרעכער, ווארזאגער און שטערנזעער האבן ניט געקאנט פותר זיין, אחוץ דניאל. דניאל האט ניט אליין געוווסט צו באשיידן דעם חלום, נאר אויך געזאגט נבוכדנצרן וואס ער האט געחלומט. די בילדער וואס דו האסט געזען — האט דניאל געזאגט — ווייזן, אז פון הימל איז ארויס א גזר אויף דיר — דו וועסט פארוואגעלט ווערן פון מענטשן און וווינען צווישן די חיות, עסן וועסט גראז ווי די בהמות און אונטערן פרייען הימעל וועסטו א דורכנעצט ווערן פון טוי און רעגן זיבן יאר. נאר אויב דו וועסט אננעמען מיין עצה, אויב דו וועסט אויסליזן דיינע זינד מיט צדקה, דו וועסט זיך דערבארעמען אויף ארימעלייט וועט מען פון הימעל אויפהאלטן דעם גזר און דיך נאך לאזן לעבן אין שלום א לאנגע צייט. נבוכדנצר האט טאקי געטוען וואס דניאל האט אים געראטן



און דער גזר־דין איז געווארן אויפגעהאלטן צוועלף חדשים. דערפאר — זאגט רב — וואס דניאל האט געגעבן די עצה צו נבוכדנצר, זיך אויסצוקויפן פון זיינע אכזריותדיקע מעשים און בעסטיאלע זינד, איז ער פון הימל באשטראפט געווארן מיט פארלירן דעם הויכן פאסטן ביי די פרס ומדישע מלכים. (דניאל ד׳, בבא בתרא ד׳) און ער ווערט דערמאנט אין מגילת אסתר אונטערן צונאמען־התך — צו זאגן אז ער איז אן אפגעקומענער נגיד . . .

## שלח מנות אויסגטיילט פון שמואל ווהייט

### אונזער רעדאקטאר א. נ. שטענצל (צום 25־סטן יובל פון זשורנאל)

איך ווינטש אים כוח און גבורה,
ער זאל טעטיג לייסטן אויף ווייטשעפלער גאס,
פראווען די שבתדיקע טישען —
פינקלן זאל זיין יעדע שירה,
מיט ליטעראר העלקייט פון זיין יצירה,
דערפאר שענק איך אים א פלאש שטארקן קוואס,
וואס זאל מינטערן אים אין הערפרישן . . .

### א. מ. קייזער

כ׳שענק אים א קרוין ווי ס׳פאסט פאר א קיזער,
ער זאל זען זיין מלוכה צו פירן —
אויף א דיפלאמאטישן שטייגער,
אפהאנדלונגען מייסטערהאפט צירן,
און זיין, גאנץ פיין, דער ווענוויזער . . .

### יוסף לעפטוויטש

א גאלדענע פאווע
וואס זאל קענען פליען
מאגנעטיש צו זיך ציען,
אונדז ווייטער מהנה זיין
מיטן שפרודלדיקן וויין
דאס וועט זיין שכר זיין . . .

### שמואל ווהייטן

א גרויסן פורים־בעכער,
אינגאנצן פול מיט לעכער,
כדי ער זאל ניט שיכור ווערן,
אין זיך צו זיין בטלנות צו הערן . . .

## נעט רובין (דער סעקרעטער פון „לשון און לעבן" שלח מנות)

נעט רובין פון „לשון און לעבן" דער סעקרעטער,
ער איז נאך מערער ווי מער,
ער איז אין „לשון און לעבן" אלץ
די בשמים, דער עסענץ, דאס זאלץ,
אן אים, וואלט אלעס אזוי זיין,
ווי א פורים כוסה אן ווייך.

## הרב יהושע שפעטמאן שליט"א

שענק איך שלח־מנות,
א פלאמיקן ניצוץ,
פון אור הגבות,
עס זאל באליכטן זיין לעבן,
אין די זיקנה — יוגענדקראפט געבן.

## פאמאכעט דעם כעלעמער פאעט

שענק איך א שפיגל־נייעם שערעם,
אויך א גאר גרויסן טשעמאדאן,
ער זאל פון אים קענען אויספאקן,
אלע סודות וואס זענען —
אין וויטשעפעל נאך פאראן —
די פאלטשע מאסקעס אראפרייסן,
ער זאל זיי בראטן ברענען,
אין מיט כפל שמיץ,
אן רחמנות באטעווען שמייסען . . .

## משה בעקערמאן

## . . . און אדם האט קאפיטולירט

(פאראדיע)

אין די ערשטע טעג נאך ששת ימי בראשית איז אדם געווען גאנץ צופרידן פון זיין לעבן. אמת, די ארבעט, וואס מען האט אים אנפארטרויט, איז אפילו געווען אביסל צו קאמפליצירט. אבער ער האט זיך דערין אריינגעווארפן מיט גרויס התמדה, קלאסיפיצירנדיק אלע באשעפענישן פון דעם העלפאנט אן ביז דער מילב אויף דער יבשה, און פון דעם הייפיש ביזן קלענסטן סארדינקעלע אין די ימים און טייכן. צו געבן פאסנדיקע נעמען יעדן איינעם פון די באשע־פענישן, זעט איר, איז שוין גארנישט קיין לייכטע זאך. אנצורופן, למשל, א העל־פאנט מיטן נאמען מילב אדער פארקערט, צי גאר א פלאטקע רופן לוויתן, א קורטשיקל — אינדיק, וואלט כלעבן, קיין טעם נישט געהאט. וואלט אדם נישט געהאט. וואלט אדם נישט געווען דער ערשטן פונם מין „מענטש", וואלט



ער אפשר פארביטן די נעמען, ווען ס׳קומט אים אויס צו באשטימען צווישן „פערד" און „מענטש". נאר, זעט איר, דאס איז שוין נישט זיין שולד . . .

זיך אפגעפארטיקט מיט אט דער ארבעט, האט אדם זיך אנגעהובן לאנג־ווייליקן, מחמת קיין אנדערע באשעפטיקונג האט ער נישט געהאט. ר׳איז פשוט ארומגעגאנגען פוסט און פאסט גאנצע טעג און געגענעצט ביז ער איז מיד געווארן פון סתם ארומשלעפן זיך. האט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד אין גן־עדן, אונטערגעשפארט די הענט צוקאפנס. די שמעקעדיקע ריחות ארום האבן אים באלד איינגעשלעפערט, און באלד טאקע האט זיין שנארכן גענומען דערגרייכן אזש ביז צום הימל . . .

און כביכול מיט עטלעכע מלאכים האבן זיך געלאזט אין וועג אריין.

— שש . . . ששא . . . שטילער . . . פאוואליע . . . וועקט אים נישט אויף!

— האט דער רבונו־של־עולם געזאגט צו די מלאכים.

פאר מורא האבן די מלאכים אנגעהויבן גיין אויף די שפיץ פינגער פון די פיס. האבן אראפגעלאזט די פליגל, כדי נישט אנצומאכן קיין גערודער. אבער מיט די הענט האבן זיי זיך געהאלטן פארן מויל, דושענדיק זיך פון געלעכטער. דער מלאך אוריאל האט ממש געמוזט אנשטרענגען אלע כחות נישט ארויס־צושיסן מיט א געלעכטער . . .

— זאג מיר נאר, גבריאלעטשקע, — האט ער אין דער שטיל געפרעגט, — פארוואס דארף מען עס גיין אזוי שטילינקערהייט און אים אפטון אט אזא שפיצל בשעת ער שלאפט?

גבריאל האט אים אפגעמאסטן מיט א בליק פון קאפ ביז די פיס, און מיט איינגעהאלטענעם כעס שטיל א זאג געטון,

— שוטה גמור וואס דו ביסט, אויב ער וועט זיין וואך, וועט ער דען זיך לאזן אפטון אזא שפיצל? . . .

און די פמליה של מעלה איז סוף כל סוף צוגעקומען צום ארט, וואו אדם איז זיך אזוי געלעגן און געשנארכט בהנאה . . .

עד היום איז עס נישט באוואוסט צי אדמען האט זיך דעמאלט עפעס געחלומט . . .

— קינדער, — האט כביכול געזאגט, נאר אזוי שטיל, אז בלויז מלאכים האבן אים געקענט הערן, — העלפט מיר אים איבערדרייען אויף דער לינקער זייט. גבריאל, דו האלט אים ביי די פיס און דו, רפאל, דערלאנג מיר דיין מעסער . . .

אן א קרומער מינע, האט רפאל גלייך ארויסגענומען דאס מעסער, עס אפגעשליפן עטלעכע מאל אויף א שטיין און דערלאנגט דעם בורא־עולם. און דער באשעפער פון אלע וועלטן האט גענומען דאס מעסער, זיך פארקאטשעט די ארבל און אנגעהויבן די אפעראציע . . .

ווען אדם האט זיך ענדלעך אויפגעכאפט פון שלאף, האט זיך אים אויס־געדאכט, אז די זונענשטראלן יאגן אים נאך, ווי וועלנדיק זיך רייצן מים אים . . .

לאנגזאם האט ער זיך גענומען אויפשטעלן און אויסגלייכן זיינע מידע ביי־נער מיט א געגעץ. עפעס האט ער זיך נישט געפילט מיט אלעמען . . . ער

האט באמערקט ווי מאלפעס אויף א בוים שפאטן אפ פון אים און שטעקן אים ארויס א צונג. אבער ווען ער האט זיך דערנענטערט צום בוים, האט ער גאר געזען ווי זיי באלעקן זיך דאס פון זיסע פייגן . . .

באלד האט אדם זיך גענומען פילן הונגעריק. נאר ווי ר׳האט פרובירט אפרייסן אפאר זיסע טייטלען, האט א ווינט געגעבן א הויב אויף די צווייגן פון טייטלבוים אזוי הויך, אז אדם איז געבליבן ביים וועלן . . . ס׳האט אים אבער אזוי געהונגערט . . .

— א, עפעס הייבט זער א שטארקער ווינט ! . . .

אין דער מינוט האט ער דערהערט א שטיל געלעכטערל הינטער זיך. ער האט זיך אומגעקוקט . . .

ווי באוואוסט, האט אדם געקענט אלע באשעפענישן אין גן־עדן. ער האט דאך זיי אלע דא נישט לאנג אליין יעדן איינעם א נאמען געגעבן ! אבער אט אזא היה ווי ער זעט איצט הויבט ער כלל נישט אן צו געדענקען. עפעס איז זי יא ענלעך צו אים און עפעס אנדערש ווי ער . . . זיין הויט איז טונקל און איר לייב איז ווייס, ריין, צארט און פריש . . .

די חיה האט געשוויגן, געשוויגן און געשמייכלט . . . אדם האט אויך געשוויגן, געשוויגן און געקוקט . . . די חיה איז אים אייגנטלעך געפעלן.

— און אפשר קען איך זי דאך — האט ער זיך געטראכט — און פארגעסן ווי זי הייסט ? . . . ווער ביסטו ? — האט ער זי געפרעגט.

די חיה האט געשמייכלט, געשמייכלט און געענטפערט.

— דיין ווייב !

ביי אט די ווערטער איז אים א זיסער פראסט אדורכגעלאפן דורך די אברים. דאס קול אירס האט אים געקלונגען אסך שענער, אסך זיסער ווי די נאכטיגאל, וואס ער האט אזוי ליב זי צו הערן . . .

— קום !

און זי האט אדמען אנגענומען ביי דער האנט און אים צוגעפירט צו א בוים אינמיטן גארטן. א קאלטער שווייס האט אים באגאסן. ער האט גלייך דערקענט דעם דאזיקן בוים, דעם טויטלעכן עץ־הדעת ! . . .

„אויב דו וועסט עסן די פירות פון דעם בוים, וועסטו שטארבן". ווי האמערס האבן אט די ווערטער געקלאפט אין זיינע אויערן. בלויז די מאלפעס האבן זיך כסדר געהאלטן אין איין באלעקן . . . און די פייגעלעך האבן געזונגען אזוי שיין, אזוי זיס, אזוי צוקער־זיס . . .

— טרילירי . . . טרילירי ! . . .

און די ווערטער פון כביכול האבן זיך ווידער איבערגעחזרט אים אין זכרון : „אויב דו וועסט עסן די פירות פון דעם בוים, וועסטו שטארבן" ! ! ! נאר זי האט געהאלטן אין איין קוקן אזוי ליבלעך אויף אים . . . און דער קוק אירער איז געווען אזוי רייצנדיק, אזוי ברענענדיק, אז אדמען איז הייס געווארן אין אלע גלידער. ער האט געפילט ווי עפעס א מאדנע פייער האט זיך אנגעצונדן ביי אים אין הארץ.

מיט אירע ראזיקע, קלייניקע פינגער האט זי אפגעריסן אן עפל פונם



בוים און אים דערלאנגט. די שלאנג, וואס איז איר געלעגן ביי די פיס, האט אונטערגעזאגט,

— פאלג זי, פארזוך. נעם פארזוך !

און די פייגעלעך פון גן־עדן האבן כסדר געטרילערט אזוי קלינגענדיק, אזוי מחיהדיק . . . אדמען האט זיך געדאכט, אז יעדעסביימעלע יעדעס גרעזעלע, יעדער שארך פון יעדן ווינטעלע שושקען אים אין אויער אריין,

— פארזוך, פארזוך . . .

— פארזוך ! — האט שוין די שלאנג גענומען שרייען.

אדם האט געפילט ווי האניק וואלט זיך אים געגאסן אין הארץ אריין און ווי זיסער ווייך וואלט אים געפלאסן אין זיינע אדערן אריין.

— ניין, מען טאר נישט ! — האט ער אין פארצווייפלונג פראטעסטירט.

— נארישקייטן, — האט זי מיט א רייצנדיק שמייכעלע געענטפערט. — דאס וואס איז גוט, מעג מען . . . — און איידער ער האט נאך צייט געהאט א ווארט אויסצורעדן, האט זי דעם עפל איינגעביסן. — אוי, איז דאס געשמאק ! עס צעגייט זיך דיר אין יעדן אבר, — האט זי צוגעשאקלט מיטן קעפעלע און געשמאטשקעט מיט די ליפעלעך. — פארזוך, נארעלע !

— מען טאר דאך נישט ! — האט ער זיך ביי איר מאכטלאז געבעטן.

— נארעלע מיינס, זעסט דאך, אז איך עס דעם עפל און ס׳שאדט מיר נישט ! זאג מיר כאטש פארוואס דו ווילסט נישט פארזוכן ? . . .

— „אויב די וועסט עסן די פירות פון דעם בוים, וועסטו שטארבן" האט מיר גאט געזאגט . . .

א שטארקער פארדראכט האט פארביטן איר זיס שמייכל. דאס פנים האט זיך איר אנגעצונדן ווי א פייער. די אויגן זענען איר פארלאפן מיט בלוט, און מיט צארן האט זי געגעבן א געשריי,

— אזזזוי ! . . . און דאס זאגסטו מיר נאך דעם ווי איך אליין האב שוין געגעסן ! אהא, איצט פארשטיי איך שוין פארוואס דו ווילסט נישט עסן דעם עפל ! איך פארשטיי שוין דיינע גנבישע מחשבות . . . דו ווילסט פון מיר פטור ווערן, כדי דו זאלסט קענען אן אנדערע באזיצן . . . איא, טייערע מציאה מיינע, איא, איך האב געטראפן ? . . . — אירע קולות האבן די פייגל פארשטילט . . .

אדם איז געווארן פארצווייפלט. זי — אזוי ווילד אויפגערעגט, אז ער האט פשוט נישט געקענט אונטערשיידן צווישן זיין ווייב און דער שלאנג . . .

זי איז צו אים צוגעלאפן אויף אירע דראבנע פיסעלעך, האט אויפגעהויבן די קלייניקע הענטעלעך, אויסגעשטרעקט די קלייניקע פינגער, וואס האבן געהאט אזעלכע שארפע נעגעלעך . . .

נאר שיין איז זי געווען אין דעם כעס . . . אוי, אזוי שיין . . . די האר צעלאזט איבער די אקסלען, די אויגן — גרויס און ווילד, אזוי דורכדרינגענדיק . . . די בעקעלעך אזוי רויט . . . די ליפעלעך פארביסן . . . בעטעמט, חנוודיק, זיס, צוקער־זיס . . .

און אדם איז דעם נסיון נישט ביינעשטאנען . . . ער האט פארזוכט פון דעם עץ־הדעת . . .

## יוסף לעפטוויטש

### מיין טאטע

מיין טאטע איז א זוניק ליכט,
וואס שיינט ארום מיר, פארכטיק,
איך זע זיין פנים אין מיין בוך,
די ווערטער האבן זיין אנבליק.

זיין פעסטע האנט האלט מיך ארום,
זיין פעסטקייט האב איך פון אים געארבט,
מיין טאטע וואס האט מיר געגעבן מיין לעבן,
דערמאנט מיך אז א מענש שטארבט.

איך לייג אוועק דעם ספר מיינעם,
מיין טאטע האלט מיין האנט,
ער פירט מיך אהין צו זיך, אריין
אין זיין נײַ לאנד.

די זון מוז שיינען, איידער ס'פאלט
פון אים אראפ א שאטן,
איך בין דער שאטן וואס פאלט אראפ,
פון מיין ליכטיקן טאטן.

איך בין א שאטן ביי מיר אין שטוב,
א ליכטיקע זון איז ער,
זיין בליק איז אין יעדן אות וואס איך שרייב,
אין יעדן ווארט איז זיין קלער.

## א. נ. שטענצל

### דאס מלחמה - יאר 1914 (המשך פון קאפיטל)

2

באלד דעם ערשטן טאג פון דער מלחמה איז טשענסטאכאוו באזעצט געווארן פון די דייטשן. מען קאן נישט זאגן, אז אן קיין איין שאס, ווייל איך אליין האב געזעען, — בייגירדיק, א ממש מיטבאטייליקטער, ארויסקוקנדיק פון הינטער דער פארהאנג, — ווי א דייטש אויף א פערד, מיטן קאפ פארויס פליענדיק און שיסנדיק, האט זיך נאכגעיאגט נאך דריי אנטלויפנדיקע רוסישע רייטער; צוויי זענען פארשוואונדן אויף זייערע פלינקע פערד און איינעם האט ער צוריקגעפירט א געפאנגענעם. ווי צוויי פינסטערע טייוולנים, וואקסנדיקע אין דער הייך, האבן זיי אזוי אויסגעזען אויף די צוויי שווארצע שוויס-פארשוימטע פערד — עס האט קוים אנגעהויבן צו טאגן.

די נאכט איז מען נישט געשלאפן. די ווייטע הארמאטן-שאסן האבן זיך געקייקלט איבער דער שטאט ווי ליידיקע פעסער. די שויבן האבן געציטערט,



פאר די פענסטער האבן פארבייגעצויגן די רוסישע שווערע הארמאטן, די פול-געפאקטע אבאזן פון רוסישן אפציענדיקן מיליטער.

א גאנצע נאכט איז די גאס פול געווען מיט ווילדע געשרייען. מ'האט פון מאנאפאל קייגנאיבער אויסגעגאסן גאנצע פעסער בראנפן. „ס'גייעס" איז געלעגן אויף דער ערד און געזשלאקעט פונם רינשטאק.

אין באגינען, אין שאריען, אין דעם גרויליק-בלויען פארטאג, איז די שטאט געווען ווי פארשכורט, ארומגענומען ווי עפעס א מין יומא־דפגרא: אין זייער צעטומלטן געאייל האט די רוסישע מאכט קוים ארויסגעשלעפט דאס מיליטער און די אוזשענדניקעס, און נישט פאספייעט מיטצונעמען די זיך צוגעשטעלטע זאפאסנע און די צוגעטומענע נאוואבראנצעס.

די שטאט — א צעטומלטע, א פריידיק-אויפגערודערטע, וואס זי איז בלויז אפגעקומען מיט שרעק — איז געגאנגען ווי אויף רעדער. אין די גאסן, פאר די הייזער, אויף די הייף — קופקעלעך פארזאמלטע מענטשן רעדנדיק, לאכנדיק, זיך דערציילנדיק פון דער שרעקלעכער וואך-נאכט און „גאט זיי דאנק, אז אלץ איז אדורך בשלום" . . . די רעדלעך, וואו מ'האט שוין געשמועסט פאליטיקע, נאכגעוויזן סטראטעגיע, זענען גרעסער געווארן. עס זענען שוין געווען צדדים: „פארלאזט זיך אויף פאניען . . . פאניע גנב ווייסט וואס ער טוט", „שפילט איך מיטן דייטש . . . זיין טעכניק, זיין ארדנונג". „איר זעט דאך" ! . . .

פאר די פאבריקלעך זענען געשטאנען די ארבעטער ביי געשלאסענע טירן, זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערן, זיך געסודעט. די עלטערע האבן זיך אראפגעלאזט אין שול-געסל, צום בית־מדרש הויף. די יונגערע — צום נייעם מארק צו, אין די אלייען: עפעס וועט מען דאך הערן, זיך דערוויסן, א שטאט וועט דאך נישט בלייבן אויף הפקר. מען זאגט, עס ווייזן זיך שוין פארפאסטנס אויף דער קראקעווער גאס.

אלץ איז אויף איינמאל אפגעשטעלט געווארן. די ארבעט אין שטאט, דאס אריין און ארויספארן. די גאנצע שטאט איז אדורכמארש צום פראנט! די ווארשעווער גאס ציטערט אונטער די געקאוועטע רעדער פון די שווערע דייטשע הארמאטן, געשפאנטע צו צוויי, דריי פאר פערד. די אבאזן, וואס ציען ארויף צום שאסיי און פון די וועגענער מיט די גראניעטע דייטשע זעלנער און רוסישע געפאנגענע, וואס מען פירט צוריק.

אין בידע זייטן אויף די פאטשענעס שטייען מענטשן קעפ אויף קעפ באוואונדערן, באדויערן, ווינקען פריילעך אריבער, וויינען, ווייבער ווארפן אריבער זעמל, חלות, גאנצע ברויטן, צוקערלעך.

די דייטשע פיעכאטע מיט מוזיק, מיט געזאנג, אויסגעסטראיעט ווי צום טאנץ, ציט ארויף. כאפטעס געפאנגענע רוסן, געיאגטע ווי סטאדעס מיט בייטשן, ציען צוריק. „זעץ נאר א יידישער זעלנער!" דער געפאנגענער הערהערט די ווערטער און שמייכלט צוריק; פון ערגעץ-וואו פון א פענסטער, פון די מאסע ווארפט מען אים צו א חלה.

דער גאנצער רוך פון דער שטאט איז צונויפגעלאפן אין דער קראקעווער גאס אריין און אין דער ווארשעווער, צוטומלטער, און אין דעם שטיקל נייער

מארק פאר דער „טומאה“ צווישן. די שטאט איז טויט, די פאבריקן שטייען, די פאבריקלעך — געשלאסן.

די ראגאטקע, די „גובערניע“ איז ליידיק, קיין איין פויעריש פורל נישט, קיין איין יידישע בויד. פון די עולי־רעגלניקעס קיין טשענסטאכיווקע, — די פרנסה פון דער שטאט! — קיין סימן נישט. און ווי אויף להכעיס איז דער הימל וואונדערלעך שיין, אן איין פלעקל, ווי עס גיט זיך איין אמאל אין אן אויגוסט טאג, באלד אין דער פרי אין די טעג פון א גוטער זשניווע . . . פון אונזער הויף, הינטן דורך דער „גובערניע“ ארום, האב איך מיך געלאזן אין שטיבל אריין. אויף אונזער הויף ראיעט עס, אלע טירן אפן, אויף דער גארבע־צארסקע גאס זענען אלע אינדרויסן. מ׳רעדט, מ׳שרייט זיך איבער, מען באדויערט, מען שאקלט מיט די קעפ, מען לויפט אקעגן די מענער, וואס קומען צוריק פון די געשלאסענע פאבריקלעך.

אין שטיבל איז געווען פול, ווי יום־טוב צום דאווענען. עס האט געווימלט, ווי אין א ראיענדיקן בינשטאק; די געטיילטע צדדים האבן איבערגעשריגן איינער דעם אנדערן. פון זעצן זיך צו דער גמרא איז נישט געווען קיין רייד, אז ס׳איז פשוט קיין פלאץ נישט געווען, אפילו, ווו זיך אנידערצוזעצן ביים טיש.

אין ערשטן מאמענט איז קודם די פרייד געווען גרויס: „פטור געווארן ניקאלייקען!“ „פאר זיין ביילים־פראצעס, נאך גיין פארגיסן דאס בלוט פאר אזא מדינה!“ א יונגעלייט־שטיבל, ניינציק פראצענט פונם עולם זענען פריי־זיווניקעס, גרינע בילעטניקעס. די פרייד איז געווען גרויס: ארויס פונם פייער... גאטס נסים ממש! א גאנצע שטאט איז אפגעראטעוועט.

איך האב געזען, אז דא וועט מען זיך אזוי שנעל נישט שטעלן דאווענען. אברהם רושעוויץ, וואס האט שטודירט פון „דייטשע בריוו“ און באקומען יעדן טאג „דאס בערלינער טאגעבלאט“, האט פארגעלייענט לייבל קאנטערן דעם מלחמה־אויפרוף פון דייטשן קייזער. דער גרויסער ראובן האט זיך ביז אויפגעכאפט און הוסטנדיק פון זיין לאנגער ליולקע קוים אסטמאטיש אויסגעפאפט: „ווייס איך וואס, א נייער אלקסנדר מוקדן“.

מיך האט געצויגן צוריק אהיים צו דער ווארשעווער גאס, צום רוף, צו דעם געקלאפ פון רעדער, צום געגיי פון די זעלנער, צו דעם געזאנג און געפייק . . . פארויס די אפיצירן אין גאלד און אין זילבער, ווי זיי דרייען זיך אויף די פערד פאר די ראטעס, ווי זיי וואלטן געטאנצט צו דער מוזיק . . . פאר די אויגן אבער שטייט מיר דער וואגן מיט די געראניעטע, וואס קוקן פון די וועגענער אראפ, ווי געקוילעטע קעלבער, און דער געפאנגענער יידישער זעלנער, וואס שמייכלט, דערהערנדיק, אז מיר האבן אים דערקענט . . .

איך האב מיך אויסגעדרייט, נאך האלטנדיק די תפילין אונטערן ארעם, און בין ארויס פון שטיבל. כ׳בין געגאנגען אהיים איבער דער ווארשעווער גאס. ביי דער פלומפ, וואו לאזער פלאצקער וואוינט, אקעגנאיבער דער גרויסער קאמעניצע פונם מגיד, צווישן דער מאסע מענטשן, קעפ אויף קעפ, וואס קוקן פארוואונדערטע, דערשראקענע, באראשטע, פריילעך־ווינקענדיקע צו דעם אן אויפהער מארש פון די העלדן צום פראנט, דערזע איך וועוווטשען מיט לאזערן



און א פאר בית־מדרש בחורים. וועוווטשע, דערזעענדיק מיך, לאזט זיי שטיין און לויפט צו מיר צו: „קום, וואס שטייען זיי דא ווי די גולמס און קוקן ווי מענטשן גייען הרגענען און געהרגעט ווערן? ווייסט וואס עס מיינט מלחמה? וועסט באלד געוואויער ווערן . . . קום, איך גיי צו דודלען, צו דוד ריכטער. ער וואקסט א גרויסער מענטש . . . ער ווייסט וואס ס׳טוט זיך“. און גייענדיק שלעפט ער פון טאש ארויס פעק מיט צייטונגען, לייענט שטיקער פון דא, פון דארט. ער איז אינגאנצן אריינגעטון אין דער מלחמה, אין פאליטיק, אין סטראטעגיע: „ווייסט, קום מיט. כ׳מוז אבער פריער אים פרעגן צי כ׳מעג דיך מיטארייננעמען . . . זיין שטוב איז קאנספיראציע, פארשטייסט? . . .“

ארויסקומענדיק פון דער ראגאטקע, באלד ביים שאסיי, האט דודל דאך געוואוינט, נישט ווייט פון אונז!... ארויסגעקומען צוריק איז נישט וואוטשע, נאר דודל, דוד ריכטער, אין בלויסן קאפ, אין א רעקל, אין א הארטן קראגן מיט א שניפס, אבער די אויגן זענען געווען די זעלבע גוטע, קלוגע, אדורכנעמענדיקע. כ׳האב געזען, אז ער פריידט זיך מיך דערזעענדיק ווידער. איך בין געבליבן שטיין מיט גרויסע אויגן א פארוואונדערטער, א שטייפער, א פארגאפטער: „קאנספיראציע“? וואס מיינט דאס ווארט, וואס איז דער אמתער טייטש דערפון?

„איך האלט דיך פאר אן איש־אמת“, האט ער געשמייכלט, דערזעענדיק מיין פארגאפטקייט: „אזוי איז מיין אמתדיק אויסזעען. אין בית־מדרש, ווען דו האסט מיך געזען, בין איך געווען א פארשטעלטער. אז דו ווילסט, קאנסטו אריינקומען. דו וועסט נאך גרעסערע אמתן געוואויער ווערן“ . . .

איך בין אים שטיל נאכגעגאנגען. מיר זענען אריינגעקומען אין א גרויסער שטוב, אן אויסגעקאלעכטע, א כמעט אויסגעליידיקטע. ביי די ווענט זענען געשטאנען צוויי אייזערנע בעטלעך און אין מיטן שטוב — א ווייסער געהיבלעטער טיש מיט א פאר בענקלעך ארום. אין א פאר קעסטלעך ביי די ווענט איז געלעגן ס׳ביסל בעל־הביתטישקט.

ער האט געזען ווי איך קוק מיך ארום און דערזען די שרעק אין מיינע אויגן. „מען טאר זיך נישט דערשרעקן פארן אמת פון לעבן“, האט ער מיר געגעראזשעט מיטן פינגער און מיטן זעלבן מיר געוויזן אויף א בענקל צום זיצן. ער האט זיך מיט מיר באנומען ווי אן עלטערער, וואס פארנעמט זיך מיט א יינגל. איך בין נאך אלץ געשטאנען מיטן תפילין־בייטעלע אונטערן ארעם אזוי, ווי איך בין ארויס פון שטיבל. ביים טיש איז געזעסן וועוווטשע מיט א ציגארעטל אין מויל, פארטיפט אין די קארטן וואס ער האט געהאלטן אין דער האנט, ווי ער וואלט מיך גארנישט געקענט. דער אנדערער האט אויך נישט ארויסגענומען די אויגן פון די קארטן. וועוווטשע האט מסתם אריינגעכאפט א פסק פאר וועלן אריינפירן אזא פאשוין ווי מיך אין א נישט פאסיקן מאמענט . . . און זיך געפילט שולדיק.

איך בין נאך אלץ געשטאנען. האט זיך די טיר אן עפן־אויף געגעבן און צוויי יינגלעך זענען אריינגעפאלן; דאס זענען געווען די צוויי יינגלעך מיט די אויסגעקרימטע פיסלעך פון שטיין און מאלן די ליאלקעלעך אין קעלער אין

דער קראטקע גאס אויפן הויף.

„אלע זענען אהיימגעגאנגען, די פאבריק איז פארשלאסן, ס'הענגט א גרויסער שלאס אויף דער טיר . . . ס'איז א מלחמה. „זיי האבן דאס לעצטע ווארט געזאגט מיט אזא ווייענדיקן טאן, ווי זיי וואלטן שולדיק געווען אין דעם, וואס ס'איז מלחמה . . . „וואס דרויסן טוט זיך, די גאנצע גאס איז פול מיט זעלנער". זענען זיי ווי פריילעכער געווארן און גענומען דערציילן: מ'ווארפט ציקערלעך פון די פענסטער" . . . ס'טוט זיך — —

ווען איך בין ארויסגעקומען אויף דער גאס האב איך גארנישט געזעען, גארנישט געהערט. דער גאנצער טומלדיקער, שפילנדיקער, רייטנדיקער דרויסן איז מיך נישט אנגעגאנגען. פאר מיינע אויגן איז געשטאנען א ליידיקע אויסגעקאלעכטע שטוב . . . און דאס איז דוד, אן א היטל, אין גויאישן אנגעטועכץ, און די צוויי יינגלעך מיט די אויסגעדרייטע פיסלעך, וואס שטייען אין קעלער און מאלן די ליאלקעלעך, דאס זענען דודס צוויי ברידערלעך? . . . דאס איז דער אמת פון לעבן . . .

כ'האב גאר געהאט גאנץ פארגעסן. ביים ארויסגיין האט ער מיר געשטופט א בוך אונטער דער פאכווע אריין, וואו כ'האב געהאלטן ס'תפילין-זעקל. אהיימקומענדיק פאר אונזער טיר, האב איך נאך קוים צייט געהאט דאס צו באהאלטן אין בוזעם-קעשענע.

* * *

מיט דער דייטשער באזעצונג איז טשענסטאכאוו אפגעשלאסן געווארן, געווארן א טויטע שטאט. די גרויסע שטאל און צעמענט-פאבריקן, די בארימטע שפאגאט און זאק-פאבריקן, וואס האבן ארייגענומען אין די טויזנטער און צענער טויזנטער ארבעטער, שטייען. די קליינע צעלולוי און שפיגל-פאבריקלעך, וואו יידישע ארבעטער, עמך האט פארדינט אויפן שטיקל ברויט, ארבעטן נישט—טשענסטאכאוו איז אפגעשניטן פון רוסיי, פון ווארשע; מען זעט נישט מער זיך דרייען אין די אליען די רוסישע סוחרים, די ווארשעווער אגענטן, די לאדזשער וואיאזשארן, וואס האבן פול געמאכט די האטעלן און די קאוויארניעס, זיך געדרייט אין דער אליי מיט די קרימענדיקע ציגארן.

און על-כולם דאס געגיי פון די גוים, פון די פויערים, פון די באבעס פון גאנץ פוילן, פון די שטעט, פון די דערפער, האט אויפגעהערט — טשענסטאכאוו איז געווארן א טויטע שטאט!

די פאבריקן שטייען, די פויערים פון די דערפער באווייזן זיך נישט — די דייטשן „רעקווירירן"! א ניי ווארט און אלע קענען עס שוין. פון די פאבריקן נעמט מען ארויס די מאשינען, און אין די געוועלבער פעלן די נויטיקע פראדוקטן. דאס וואס איז דא ווערט באהאלטן, כדי צו רייסן א פאס — אויף אלץ איז א „פאסיק"! שוין אין די ערשטע טעג איז די שטאט ארומגענומען געווארן פון אן ארעמקייט, אויסצוגיין.

מיר האבן שוין געהאט איבערגענומען דעם קוילן-סקלאד אין דער ווארשעווער גאס אין הארעוויטשעס הויז. אבער קיין קוילן זענען נישט געווען — אפילו די זייט צו זאגלעמביע צו. וואס איז אויך געווען אונטער דייטשער



באזעצונג פון ערשטן טאג אן, איז אויך געווען אפגעשלאסן. אלע באן-ליניעס, אלע צוגן, אלע וואגאנען זענען געווען פארן קריגס-געברויך. דער מארש צום פראנט איז נישט מער געגאנגען דורך דער קראקעווער-ווארשעווער גאס צום שאסיי ארויף; אן אויפהער זענען געלאפן צוגן, גאנצע פאטשאנגן אהין און צוריק, מיט געווער, מיט סאלדאטן, מיט פארוואונדעטע, מיט געפאנגענע —

די אליען זענען געווען פול מיט דער שול-יוגנט, מיט די יונגע ארבעטער, שטייענדיק איבער דער באן-בריק קוקן אויפן בייז-וואונדער, פאכנדיק, שרייענדיק, ווינקענדיק.

ארעמע קינדער זענען שוין ארומגעלאפן אין די גאסן מיט ציגארעטן, מיט זאפאלקעס און זענעדיק א דייטשן זעלנער, אן אפיציר, צוגעלאפן צו אים: „מיין ליבער הערר, מיין ליבער הערר" און די הערן פון דער שטאט, דאס הערן-פאלק, די זינגער זענען געווען זער „ליבנסווירדיק" — און דער צווייטער אליי איז געשטאנען א מלחמה-שטאב, „צייטווייליק איינקוואטירט". דאס מיליטער איז מיט גרויסע נחונות געגאנגען ווייטער.

די רייכע קאוויארניעס אין די אליען, ביים פזשעיאזד, זענען ווידער פול געווארן מיט אפיצירן און זייערע פרויליינס — די האטעלן זענען ווידער באזעצט געווארן . . . אין די פינסטערע, קליינע געסלעך האבן זיך די קליינע קאוויארניעס געעפנט פאר די זעלנער מיט זייערע מיידלעך — ס'איז פריילעך אויף דער גאס . . .

נייע פרנסה-קוואלן האבן זיך געעפנט, פינסטערע, מאנטנע — מ'האט געזוכט א פישעלע אין בלאטיקסטן וואסער.

די שקאלעס זענען געווען געשלאסן. די ארעמע תלמוד-תורה יינגלעך זענען ארומגעלאפן אין גאס אהיימצוברענגען א גראשן; דאס בית-מדרש איז געווארן האלב-אויסגעליידיקט . . . מיט די יינגעלייט-שטעקעלעך, מיט די קעסט-איידעמלעך רעדלט זיך אין נייער מארק . . .

מיר האבן געלעבט דערפון — וואס פון דער פריערדיקער קוילן-סוחר, פירנדיק דעם קוילן-מסחר צענדליקער יארן, איז געבליבן הינטן אין דער שאפע א קופע מיט מיאל, א בארג גאנצע וואיאנען . . . איז דער טאטע געזעסן פארנט אין סקלאד מיט א ספר אין האנט און „קונים" מיט שיסלען, מיט זעקלעך, מיט קייבערלעך האבן זיך געפארעט ארום דער קופע ארויסצובאקומען וואס גרעסערע פיצעלעך, וואס גרעסערע קרישקעלעך פון דעם שטויביקן מיאל — די קופע איז געווארן א מין גאלד-גרובן! און אז ס'האט זיך שוין קיין איין קרישקעלע קוילן אין דער קופע נישט געפונען, איז ערשט דער מיאל געווארן עובר לסוחר.

די מאמע האט געהאט א ווידערווילן צו דעם גאנצן „קוילן"-מסחר: זי, האלטעקס טאכטער, דער אייגנטימער פון קוילן-גרובן אין זאגלעמביע, גאנצע צוגן מיט קוילן געשיקט אין דער וועלט אריין, וועט שטיין פארקויפן א שיסל מיאל ארעמע ידינעס פאר פינף קאפיקעס, פאר צען פעניגער. אפאר שיפער שטיינער אפוועגן און כאפן דערפאר א פייעם —

„סטארי האלטעק", שטיי אויף פון קבר. מיט אזעלכע קופעס האט מען

דאך אין טשעלאדזש די גריבער צווישן די בערג אויסגעגלייכט.

די מאמע האט זיך שוין געפונען „אין דער היים" אין טשענסטאכאוו און איז ממש נישט אויסגעקומען מיט דער צייט . . . גאנצע זעק מיט מעשיות! פול מיט מחיות . . . דער גאנצער עול פון שטוב איז געלעגן אויף צימעלעס פלייצעס.

אסתר איז געווען פארביטערט. זי ווערט אן אלץ עלטער כלה־מיידל, די קראנקהייט האט זיך צוריק אנגערופן. איז אדער זי ליגט אנגעלענט אויפן בעט, אדער זי זיצט ביי אירע ביכלעך.

די מאמע איז גערעכט געווען. עס איז נישט געווען אזוי לייכט זיך איינצוגעוואוינען אין דער נייער דירה — דאס האראוויטש־איצקאוויטש הויז איז נישט געווען קיין הויז, קיין קאמעניצע — עס איז געווען א גאנצע מדינה.

די „קאזארמע"־שטיבלעך מיט די איינצלנע פענסטערלעך, וואס זענען ארויסגעגאנגען אויף דער „גובערניע", האבן זיך געצויגן איבער דער גאנצער לענג פון דער „גובערניע" — דער שפיל־פלאץ פון דער ווייסער חברה נישט נאר פון די קאזארמע־שטיבלעך, נאר פון די קינדער פון די אלע ארעמע געסלעך, וואס האבן אויסגעשטראלט פון דער גובערניע ביז צו דער שול, ביז צום בריקל אראפ. — און דא אין די קליינע איין־אויגיקע שטיבלעך האט געוואוינט די פראלעטארישע ארעמקייט, די הארעפאשנע שווארצע־ארבעטער אזוי צו זאגן, וואס האט שוין נישט אריינגעפאסט מער אין דער שול־גאס און אין קאזשוגעסל. אט א די „קאזארמעס" זענען געווען די אפיצינעס, בעסער געזאגט דער הינטערשלאג פון די צוויי געטיילטע און פארשידענערליי הערן־הייזער, וואו עס האבן געוואוינט די בעלי־בתים, די האראוויטשעס און די איצקאוויטשעס.

דאס פארטערנע, לאנג־געצויגענע, נידריקע פראנט־הויז אין דער ווארשעווער גאס, — ווייט אריינגערוקט פון דער ריי איין־שטאקיקע און צוויי־שטאקיקע הייזער, וואס האבן זיך אויסגעלאזט מיט דער אפטייק און מיט אונזער קוילן־סטלאד, — דאס פראנט־הויז, מיט ווייטן, תמיד ריין־אויסגעקערטן פלאץ פארן פאראדנעם ארויפגאנג אויף די שטיגלעך, מיט די מויערלעך אין ביידע זייטן, איז געווען דאס הויז פון די האראוויטשעס.

פון איין זייט, — צו אונזער דירה צו, וואס איז געווען דער אפשלוס פון מויער און איז געווען א טייל פונם קוילן־סקלאד, — איז געווען א ריינע מיט גרויסע פענסטער, שפיגלדיקע שויבן און שטיל־פעכלדיקע גארדינען, פון וואו ס'האט אסך שעהן אין טאג ארויסגעקלונגען דאס שפילן אויף קלאוויר; די צוויי ברייטע פענסטער מיט בלומען־וואזאנעס איז געווען די פראנט־שטוב פון בעריש האראוויטש, וואס האט געהאט דריי טעכטער, איינע שענער פון דער אנדערער, און איינע אנדערש פון דער צווייטער; דריי שוועסטערן, דריי געטאקטע מיידלעך איינע קוים העכער פון דער אנדערע, ווי די שטיגן.

פון דער אנדערער זייט פון די שטיגלעך ארויף צום פאראדנעם איינגאנג איז געווען די וואוינונג פון מענדל האראוויטש.

די צוויי ברידער, די שותפים פון דער קייטן־פאבריק איצקאוויטש־האראוויטש, זענען געווען די שני הפוכים בנושא אחר — בעריש איז געווען דער



געשעפט־פירער און מענדל דער מייסטער; אהיימגייענדיק פון דער פאבריק האט מען אים געקאנט לייכט פארוועקסלען מיט איינעם פון זיינע צענדליקער ארבעטער. אויך אין טעמפעראמענט זענען זיי געווען פארשידן. האבן זיך צוויי לייבלעכע ברידער, אבער אנדערש איינער פון צווייטן; בעריש, א ברייט־לייביקער, א באדאכטער, א פאמעלעכער, מענדל, א קליינער, א שמאלער, א פלינקער, א געשיקטער. בעריש, אז ער איז שטיל ארום זיך ארומקוקנדיק אדורכגעגאנגען אויפן הויף צווישן די צוויי געביידעס, האבן אים אלע געזען; מענדל, אדורכלויפנדיק האט אלעמען געזען, יעדן עפעס געהאט צו זאגן: אזוי טוט מען אדער אזוי טוט מען נישט. דאס האנט־וועגעלע פונם טרעגער קאן שטיין דארט, און דאס פאס רעגן־וואסער מוז נישט תמיד שטיין אונטער דער פארראסטעטער רין. און איר מיטן פאלאנט קאנט ארויס אויף דער „גובערניע"...

ביידע אין הארטע קאפעליושן, דייטש געקליידט, שבת אין שווארצע פראקן. אבער בשעת בעריש האט שוין געדאוונט אין דער דייטשער שול, האט מענדל געהאט זיין מזרח־פלאץ אין דער אלטער שול. ביידע פון די ערשטע ציונים אין שטאט.

אויב בעריש האט געהאט שיינע טעכטער, האט מענדל געהאט גראטענע זין. פון דער אנדערער זייט פונם פאראדנעם איינגאנג, דאס גרויסע פענסטער, איז געווען דאס שטודיר־צימער פון מענדלס עלטסטן זון, שאול, א יוריסט אויסגעשלאסן פון אוניווערזיטעט אין לעצטן סעמעסטער פאר פאליטישע חטאים.

פון דעם פענסטער האט מען אפט געהערט קולות, האמפערייען, און פארשידענע מענטשלעך אין רובאשקעס, קורץ געקליידטע, אין געהאקטע יובעצלעך און קליינע היטעלעך זענען אריין און ארויס און זיך געדרייט פארן פענסטער. און אז מען האט עס אן עפן געטון, האט א שלאג ארויסגעגעבן ציגארעטן־רויך ווי פון א קוימען.

און ווען די צוויי יונגערע טעכטער בעריש האראוויטשס און עלעק און לייבל און וועלוול (עס איז נאך געווען א שמואלעקל, א וויסקראביקל) זענען אהיימגעקומען פון גימנאזיע, זענען מיט זיי געבליבן שטיין ביי די צוים־טירלעך צום אפענעם פלאץ, וואס פירן ארויף צום פאראדנעם איינגאנג, גאנצע חברה מיט גימנאזיסטן און גימנאזיסטקעס, דיסקוטירט, גערעדט, זיך געהאמפערט: ציוניזם, סאציאליזם; זיך געוויזן ביכער, צווישן די נעמען מיצקעוויטש, סלאוואצקי זענען אויך געפאלן די ווערטער פרץ, ביאליק; געלאכט, זיך איבערגעשריגן איינער דעם אנדערן; זיך געקוקט שטיל אין די אויגן אריין, און דאס אלץ איז געווען ווי א מין געמישטער כאר־געזאנג באגלייט צו די קלאוויר־אקארדן, וואס זענען געקומען פון די צוויי פארהאנגען, צעפעכלטע, בלומען־וואזאנען, באשטעלטע, צעשפיגלטע פענסטער, אדער ווי א מין זיך באטייליקן אין די געהאמפערייען, וואס זענען ארויסגעקומען פון דעם פאררויכערטן, פארקאפטשענדיקן.

און אויב די ביידע געביידעס, איינע מיטן הארעפאשנעם פנים, מיט די פארזשמירעטע אייגעלעך־פענסטערלעך ארויס צו דער גובערניע, די צווייטע מיטן

פארנעמען, אויסגעאיידלטן, מיט די גרויסע גלאנציקע פענסטער, באברעמט־צעפּעכלטע. ארויס מיט א פארבויג אביסל צו דער ווארשעווער גאס — דא איז נאך צוגעקומען דאס איצקאוויטש־הויז, גאנץ אין פראנט, צוויי־שטאקיג, מיט א בלינדער פלייצע צום „פּזשעיאזד״, מיטן אלטן ר׳דודלען און דעם חלוץ, דעם אגראנאם, וואס איז כסדר געפארן קיין ארץ־ישראל און כסדר ווידער צוריקגעקומען, דער העלד פון די „קאזארמעס״ !—זיינען די געביידעס, „קאזארמעס״ און דאס הערן־הויז מיט דעם הויף צווישן, מיט דער יידישער ארעמקייט איז געווען א יידישע מדינה. איז אונזער נייע דירה געווען אן אפגעשלאסן מלכות — א רשות היחיד פאר זיך.

די פענסטער פון אונזער שטוב, — וואס איז שוין געווען א זיץ און א שלאף־שטוב, מיטן גרויסן טיש אינמיטן, צווישן די צוויי בעטן, און מיטן זיידנס טישל צווישן דער שווארצער ספרים־שאנק און קאפל־אירון, — און פון אונזער קיך, זענען נישט ארויסגעגאנגען צו דער ווארשעווער גאס און נישט אויפן טומלדיקן הויף, זיי זענען ארויסגעגאנגען צום קוילן־סקלאד. אין אונזער נייער דירה האט תמיד געהערשט א געדעמפטע ליכטיקייט, א מין פארחלומטע, א בלויליך גרויליכע —

צו דער ווארשעווער גאס צו אין ווינקל, צווישן דער וואנט פונם סקלאד און דעם פענסטער, פון וואו ס׳זענען ארויסגעקומען די קלאוויר־אקארדן, איז ארויסגעגאנגען די שויבן־טיר פון אונזער זיץ־און שלאף־צימער, וואו ביינאכט פארן שלאפן גיין, האבן זיך צוויי געוועלב־טירן צוגעמאכט ווי צוויי לאדנס, און איז געווארן איינגאנצן ווי סודותדיק אפגעשלאסן.

פון דער קיך ווידער איז די טיר ארויס נישט דירעקט צום טומלדיקן רשות הרבים הויף, נאר אין א מין בײדל, וואס סוכות האט עס געדינט פאר א סוכה און אלע טעג פון א גאנץ יאר האט די מאמע געהאט איר קוואקע מיט הינדעלעך, און אין ווינטער, אין א גרויסער שטייג, די געגנדז פאר די חנוכהדיקע גריוועס. פארן פסחדיקן שמאלץ און פאר די פעדערן צו פליקן אין די ווינטער נעכט אויף „וויפראוועס״ — פון דארטן איז געקומען אזא בייזער געקוואקע און א פישטשעדיק־געפּיעשטשע פון די קליינע הינדעלעך . . .

און פון דעם בײדל, פאר דער קיך־טיר, איז אויך געווען א טירל צום הינטערטויער פונם סקלאד, און אז ס׳איז זונטאג געקומען א קונה מיט א שיסל נאך אביסל מיאל, האט מען נישט ערשט געמוזט ארויסגיין אין סקלאד אריין דורך דער ווארשעווער גאס און זיך היטן פאר א פאליציסט, ער זאל נישט זען, נאר מ׳איז טאקע געגאנגען דורכן הינטערטירל, דורכן טויער, וואס איז ארויסגעגאנגען אויפן הויף, אדער נאך בעסער, מ׳האט גענומען די שיסל, מ׳איז ארויס אין סקלאד דורכן נידריקן פענסטער פון דער קיך, אריינגעברענגט א פולע שיסל מיט א טשיפּעק און די קונהטע איז אוועק מיט דער גרויסער מציאה אונטערן טוך אדער פארדעקט מיטן פארטוך.

דער בארג מיאל איז נישט נאר געווארן דער גרויסער „אוצר״, וואס האט זיך באוויזן דא אין סקלאד, דער „קוילן־גרובן״, וואס איז געווארן באוואוסט אין די געסלעך ארום, נאר ער איז שוין געווען אונזער פאסעק — מ׳האט שוין



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

אנגעהויבן נעמען אפילו א פערציקער, א האלבן מארק פאר אזא שיסל מיאל, צולייגנדיק א שיפער־שטיין, ווי א צולאג־בײן צו א חלק פלייש . . .

איז טאקע געווען דרויסן א „וועלט־מלחמה״ — די שטאט איז געגאנגען מיטן קאפ אראפ, „עליונים למטה ותחתונים למעלה״. נעכטיקע גבירים זענען געקומען אויף בעטל־ברויט און היינטיקע פאסקאזשעס האבן אויפגעהויבן די קעפ ! — און אין קוילן־סקלאד איז זיך דער טאטע געזעסןביים „יערות דבש״, ביים מהר״לס א ספר, ביים „תפארת שלמה״. א יידענע איז געקומען מיט א שיסל, אנגעשעפט א שיסל מיאל, ווי אן עמער וואסער ביי א שפרודלדיקן קוואל. אבידערגעלייגט א קופערנעם צענער, א פייעם און די פרנסה איז געקומען אין שטוב אריין . . . און מ׳האט באשיינפערלעך געקענט זען ווי גאט איז מפרנס „מקרני ראמים ועד ביצי כנים״ . . . און די מאמע האט געהאט אירע הינדעלעך, איר קוואקע און געפלאנט שוין א קאזע אין שטעלעכל אריינצושטעלן און שוין געהאט די טירן דא אויפן הויף, וואו מ׳מוז עפעס אריינטראגן, אן אלמנה מיט זיבן יתומים, א קראנקער, וואס ציט־שוין־צו די לעצטע וואכן . . .

אין קיך איז אלץ געגאנגען ווי פריער. אסתר איז דעם מיינסטן פון טאג געלעגן אויפן צוגעבעטן בעט און צימעלע האט געטראגן דעם עול פון אלץ.

און אין שטוב בין איך געזעסן ביי דער גמרא, פארוויגט אין דאמפּנדיקע דמיונות, אין נעפל פון די געדאמפטע שאפען־נאקטורנען, וואס זענען געקר־מען דורך דער וואנט, מיך פארוויגט אין א פארחלומטן געשאקל, ווארטנדיק, אז וואוטשע זאל זיך באווייזן דרויסן פארן צוים און איך זאל שטיל ארויס דורך דער שויבן־טיר און מיר זאלן זיך נעמען דרייען ארויף און אראפ פארן הויז אויפן ברייטן פלאץ, ארויס אויף דער „גובערניע״ ביז ווייטער אזוי אויף די לאנקעס . . . און ווער ווייסט ווי ווייט עס וואלט אזוי געגאנגען ? . . .

דרויסן איז אבער אנגעגאנגען די „וועלט־מלחמה״ ! די דייטשע באזעצונג האט אויסגעזויגן מעטאדיש ; די מאשינען פון די פאבריקן זענען שוין געווען „רעקוויזירט״ און אוועקגעשיקט מיט די גייענדיקע פראכט־צוגן טאג און נאכט אינעם היימלאנד, אין דער „היימאט״, און יעצט האט עס געהאלטן ביי די ארבעטס־מענטשן —

פלאקאטן אויף די ווענט האבן גערופן די יוגנט זיי זאלן זיך פארשרייבן אויף ארבעט קיין דייטשלאנד. נישט קיין סך פון די דער יידישער יוגנט האט עס געטון, נאר די וואס די נויט האט שוין געהאלטן גאנץ אויף איר פאסעק . . .

אין זיינע טויזנט און איין שמועס האט אפילו וועוועטשע גערעדט פון א שעת־הכושר, זיך צו מעלדן אויף ארבעט און דארט אין ברעסלאו, אין בערלין, וועט מען שוין זען וואס מ׳קאן טון. אויב נישט שטודירן, איז קודם אריין אין רבנים־סעמינאר. זיין ברודער אברהם געפינט זיך אויך ערגעץ דארט און גיט ארויס א זשורנאל. אין דייטשע אוניווערזיטעטן זענען דא צענדליקער סטודענטן, בחורים פון טשענסטאכאווער בית־מדרש. די וועלט איז נאך א וועלט. מ׳מוז זיך נאר וויסן ווי צו דרייען . . . מ׳מוז האבן דעם קאפ אויף די פלייצעס . . .

דרויסן אין קוילן־סקלאד זשאבט מען ! די מאמע איז שוין מיטאריינגע־

צניגן, זי רוכעוועט! די סוחרישע האלטעק־אדער האט דערשפירט, אז דאס איז נישט קיין פשוט מיאל, נאר טאקע דימענטלעך, שווארצע דימענטלעך, טאקע קליינע פיטשעדיקע, אבער דימענטלעך — אויפן טאטן מיטן ספר אין דער האנט קאן מען זיך נישט פארלאזן! צימעלע מוז אויך צוהעלפן; אפילו אסתר האט פארגעסן איר מיחוש — ס׳איז א גאלד רויש! מען רוכעוועט, מען מסחרוועט — מען זשאבעט!

זיץ איך אליין אין שטוב ביי דער גמרא, לערן, הער מיך איין צום גערויש דרויסן אין סקלאד וואס קומט דורכן פענסטער, צו די אקארדן־קלאנגען, וואס פאלן אריין אין מיינע הוריות, אין מיינע דמיונות. עס מישט זיך חלום און וואר: קריג, יידן און פעלקער; עפעס ווייס איך שוין ציוניזם, סאציאליזם, פראלעטאריאט; וועטשעס טויזנט און איין שמועס מישט זיך אין מיינע צעריסענע געדאנקען, אין מיינע באהאלטענע, פארוויקלטע בענקענישן — דער מוח קאן די אלע זאכן נישט פעסטהאלטן. דער שטערן קנייטשט זיך נישט — דאס הארץ צאפלט!

פלוצלונג ס׳קלאוויר־שפילן איבערגעריסן, און אין מיש־מאש פון מיינע מחשבות בלייב איך הענגען ווי א געפאנגענע פליג, וואס דאס שפינען־נעץ איז איבערגעריסן — איך צעשאקל מיך פריש איבער דער גמרא אין גרויס דבקות, ווי מיך אנצוכאפן אין עפעס און מיך פעסט צו האלטן, הענגען צו בלייבן — עפנט זיך מיט א שנעלקייט אויף די שויבן־טיר און א מלאך שטייט פארן טיש, פאר דער אפענער גמרא — דער זעלבער וואס האט זיך באוויזן אין דער קראטקער גאס! איך ווייס שוין ווער דאס איז. דאס איז די עלטסטע פון די דריי שוועסטערן, די וואס זיצט דרינען ביים קלאוויר; וואס שוועבט איבער א נעפל פון הארץ־איינדרינגענדיקע קלאנגען.

זי זעט מיין פארגאפטקייט, מיין פארבליפטקייט, אבער קיין רגע טאר זי נישט פארזוימען. די שליחות מוז אין איין רגע, מיט איין שוועב מיט איין כהרף־עין אויסגעפירט ווערן.

זי הייבט אן אין פויליש. מיט א מענטשלעכן שמייכל גייט זי איבער אין יידיש: „די דייטשן כאפן אויף ארבעט. זיי זענען יעצט אין הויז ביים פעטער. בייגלמאנס זון האבן זיי שוין פון געוועלב ארויסגענומען . . . זיי גייען איצט אהער . . . קומט שנעל, קוקט זיך אפילו נישט אום . . . דא הינטן ארום דורך דער קיך“ . . .

דורך אונזער הילצערנעם בידל פאר דער קיך־טיר זענען מיר אריין אין זייערן, פון דארט דורך די שטיגן צו די שלאף־צימערן אריין אין פינסטערן בוידעם; פרנדיק ביי דער האנט, האט זי מיך צוגעפירט צום בוידעם־פענסטערל אויף דער צווייטער זייט.

טויזנט און איין ציטער איז מיר אריבער איבערן לייב, שפירנדיק אויך דעם ציטער פון אירע פינגער אין מיינע, וואס איז זיך צעגאנגען ווי א שוועבנדיקע, געדעמפטע ליכטיקייט . . . ווי א שרעק וואלט זי מיטאמאל באפאלן, האט איר קול, וואס האט פריער אזוי קלאר געקלונגען, אזוי געדעמפט איצט געציטערט: „ווען עס וועט זיין פארביי, וועל איך ארויפקומען — —“. און



זי איז אין דער טונקלקייט פארשוואונדן.

וואס וואלט דא פון מיר געווארן, אזוי אליין מיט מיר, אזוי אליין מיט מיין צעצאפלטן לייב און לעבן, אז אפילו די גמרא האב איך נישט . . . וואס איז די שרעק פאר כאפערס, פאר אן אימה ווען מען ווערט געכאפט פון זיך אליין, פון די אייגענע איבערשווימענדיקע כוחות. מען טאפיעט זיך אין אייגענעם בלוט, אין א טייוולס־שפרודל . . . דער לאמער סטודענט שטייט מיר פאר די אויגן! וויאזוי ראטעוועט מען זיך? ציטערן מיין הענט.

איך דערטאפ אין בוזעם־טאש דאס בוך, וואס דודל, וואס דוד ריכטער האט מיר אנומלט געשטעקט אונטער דער פאכווע אריין . . . איך נעם עס שנעל ארויס ווי אין א שטרוי א טאפיענדיקער וויל זיך אנכאפן.

איך לייען „מענדעלע מוכר ספרים“ „די קליאטשע“. שוין די פאטאגראפיע אויפן שער־בלאט האט מיך בארואיקט: „חכמת אדם תאיר פניו“. טראכט איך, א מוכר ספרים, א תלמיד־חכם? אבער וואס מיינט דאס „די קליאטשע“? קלאטשע, קלאַט שע? . . . איך מיש עס אויף, איך וויל אנהייבן לייענען. עס גייט נישט. איך שלאבוזיער ווי א דרדקי־חדר יינגל.

איך האב קיינמאל נישט געלייענט אין דער מאמעס טייטש־חומש ספרים, „קב־הישר“, „לב טוב“ און קיין צייטונגען, ווי די בית־מדרש בחורים דא אין טשענסטאכאוו, אויך נישט.

אבער דאך, עס איז דאך יידיש, איך פארשטיי ווארט פאר ווארט. עס לייענט זיך דאך פון אליין. איך שלאבוזיער, כ׳הייב שוין אן צו פארשטיין דעם אינהאלט — מיט יעדן זאץ שטייט מיר די פאטאגראפיע פאר די אויגן . . . א מוכר־ספרים? א תלמיד־חכם! און ווי זיי, די אויגן קוקן אפווער פון אונטער די ברילן און לערנט מיט מיר: גיכער, יינגעלע, ווייטער, נאכאמאל, יינגעלע!

עס דויערט מסתם שעהן אזוי. איך ווער פארכאפט פון דעם וואס איך לייען — די גאנצע וועלט איז דא, מיין גאנץ לעבן איז דערין, דאס גאנצע יידישע פאלק: יא, ישראליק איז די קלאטשע! . . .

דרויסן די מלחמה, די דייטשע הארמאטן, די גראניעטע, די רוסישע געפאנגענע . . . אין סקלאד דער טאטע מיטן „יערות־דבש“ און ארום אים די יידינעס מיט די שיסלען פאר א גילדן מיאל, פאר א פיעם א שיפער־שטיין, און די מאמע מיט אירע טשעלעדזשער קאפאלניעס, מיט די קוילן־קופעס ביזן הימל אריין.

יא, וואוטשע איז גערעכט, גערעכט, אוועק, אוועק, זיך אליין גיין פארשרייבן . . . לייבל קאנטערס ברידער איז שוין א דאקטער אין בערלין, און זשעזאק, די קאראלופניקעס פון סאסנאווצע איז שוין א פראפעסער . . . אן אגראנאם, א חלוץ, איך וועל אים זאגן, ער זאל מיט מיר ארויס אין דער פארעמשקאלע . . . און ווען ער וועט ווידער צוריקפארן קיין „פאלעסטינע“ . . .

כ׳הייב אן צו פארשטיין די אלע געשרייען, די אלע האמפערייען פאר שאול׳ס פענסטער — כ׳זע ווי ס׳עפנט זיך אויף און ארויך גייט ארויס... ניין, דודל, דוד ריכטער, איז גערעכט! כ׳וועל בעטן מענדל הארעוויטשן, מ׳זאל מיך אריינעמען אין דער האנטווערקער־שול, כ׳בין דאך נישט ערגער ווי

אלע ווייסע־חברהניקעס מיט די פאלאנטן אויף דער גובערניע, ווי די ארמע יינגלעך פון הויף דא . . .

עס נעמט שוין אזוי; די ווערטער כאפן ארום מיין שטערן, ווי פייערדיקע רייפן; ער ווערט פול, ער איבערגייט, כ׳שפיר ווי דער מוח ארבעט — א פרייד גייט איבער מיין גאנצן לייב! . . .

פלוצלינג שפיר איך א האנט אויף מיין פלייצע: מסתם איז זי „ארויפגעקומען נאך מיר“. שטייט זיך מיט איר גאנצער שטילער שיינקייט פאר מיינע אויגן . . . כ׳האב זיי מורא אויפצוהייבן פון בוך. נישט צוקוקן איר אין פנים אריין . . .

כ׳שפיר א טאָרע ביים ארבל און הער מיין טאטנס קול. ער האט שוין דערווייל צייט געהאַט צו זען וואס איך לייען: „און וואס ביזט דו דאס אזוי פארטיפט, ווי אין א שווערן „מקנה“. ער האָט געוואָלט אויסלאזן מיט אן הלצה־שמייכל, אבער זעענדיק אויף מיין פנים, די רויט־געוואָרענע שרעק, ווערט ער אליין דערשראָקן: „קאנסט עס אפשר מיר געבן, לאמיך אויך זען וואס דארטן שטייט“. מיר זיינען שטיל אראפ פונם בוידעם און צומאָרגנס, ווען דער טאַטע האָט מיר צוריקגעגעבן דאס בוך האָט ער מיר אויך גארנישט געזאגט. ער האט טרויעריק און זער ערנסט אויף מיר געקוקט.

דער טאטע האט געמוזט פילן: און אז ער וועט מיר שוין יא עפּעס זאגן, וועגן ספרים חצונים, וועגן טריפה־פסול׳ס, וועלן איך אים אפשר מסתם אויך נישט הערן, איז זאל איך נאך עובר זיין, חלילה, אויף כבוד אב . . . און אפשר איז דער „מוכר ספרים“, דער תלמיד־חכם, וואס קוקט אזוי קלוג מיט איין אויג אריבער איבער די ברילן, אויך אים געשטאַנען פאר די אויגן און אים געגראָזשעט מיט א ווינק, ווי מיט א פינגער, פונקט ווי ר׳איז מיר געשטאַנען זייט הערמלס פאר די אויגן יארן און יארן. (שלוס פון קאפיטל קומנדיקן נומער)

## קראקאדיל - קאדריל (צייט־לידער־קאראהאד)

אריב אין יום כפורים קלאפט מען זיך „על חטא“,
איז דאך פורים גופא, דערפאר, די ריכטיקע צייט.

צי קאן מען דען ענדערן דעם גאנג פון דער וועלט,
אפילו ווען מ׳ווארפט זיך אונטער אירע רעדער?
כאטש שטערן א רגע איר שווינדלדיקן לויף,
שטעקן צווישן די שפריכעס מיין דינינקע פעדער —

יא, זי קאן צעבראכן ווערן, אויף פיץ־פיצלעך,
אויף שפיץ־פען לעצטער עוקץ אומנוציק צעשפריצן!
בלויז ווער ברויך זי, צו וואס טויג זי און וועם נוצט זי,
אפשר גאר, מיט איר, דאס שלעכטס פון דער וועלט באשיצן?

עס טאַנצט א בויך־טאנץ די גיפטיקע קאברא־שלאנג,
א קאדריל מיט קניקסן — די שלאנקע קראקאדילן;
שלאנג שפייט גריבע גאל האלזנדיק דעם געליבטן,
מיט טרערן פארשלינגען דעם קרבן — קראקאדילן.



## „דזשואיש עדיקיישן“ . . .

נישט די חכמי־כעלעם ביי אן אסיפה —
גאנץ קאקעלע קהל פון לאנדענער קהילה!
און צווישן זיי, די חכמים ונבונים,
גדולט אן אקספארדער פראָפעסאָר, אפילו.

מען זיצט, מען שוויצט, צוגעפינען אן עצה,
וויאזוי א צונג פון א מויל ארויסצושניידן,
די צונג? די גאנצענע לונג מיטן גארגל!
און, — ואף על פי כן! — צו קענען נאך ריידן.

ס׳שיט זיך ארבעס פון א צעריסענעם זאק —
א גאנצן טאפ ארבעס־זופ כאטש אפצוקאכן!
ארום שיסל מ׳וואלט געזעסן גאנצע וואכן.
עס קאכט, עס שוימט, עס זידט — מען זיצט און מען שוויצט.

האט ראביי מיט „מלא“־ניגון זיך צעגארגלט:
„וואס מיר געוואָלט, אויסגעפירט, כ׳זאל אזוי לעבן“ . . .
און זע א נס איז געשען, די אלע רייד,
ווי ווערעמדיקע ארבעס צו דער וואנט קלעבן.

## „משוגע איש הרוח“

אפגעאַרבעט א טאג לעזט מען א בוך,
גייט מען צו א פריינט, אין טעאַטער אַריין,
מ׳איז טויט־פארמאטערט, צי פארביטערט גאר —
אין גאס ארויס, און מ׳רעדט צו זיך אליין.

האט מען אהיים, בלייבט מען מיט ווייב און קינד,
מען שפילט זיך, א ווארט ארויס, א ווארט אריין;
נישט געטראכט, טוליענדיק שטיל, פאלט פון ליפ,
א ווארט אראפ וואס פאלט אינם קאפ גראד איין.

אבער אז ביי א בוך, אין טעאַטער,
קנייטשן שטערנס, א ווארט, א וויץ צו פארשטיין;
אין שטוב אייגן קינד זאגט א חכמהלע,
איידער מען לאכט, ברעכט מען זיך פריער די ציין;

צעבראָכענער פליט ברעכט זיך די צונג,
און ווי א ייִנגל, אין חדר אריין ער מוז גיין,
א וווּנדער: „אין שפיטעלער צוויי דריטל,
בעטן פאר נערוועזיש קראנק גרייטע שטיין“?

## מים מים (אזא מין ירדן־ליד לכבוד פורים)

מים, מים, אין קאַירא זיינען די נאַצים,
אין ירושלים — די שילומים־מיליאַרדן,
„והירדן יסוב לאחור”, צו בידע,
דרייט זיך אויס מיטן הינטערן דער ירדן.

נעמנ׳ען דעם שר צבא פון זיין צרעת, *
עס האָט דער ירדן געטון טון אויסהיילן,
און גיחזי נאָך די „ככרי כסף וזהב”,
ביז היינטיקן טאָג טוט נאָך אַלץ נאַכאיילן.

קריסטוס דעמלט אין ירדן זיך געטובלט,
קומט דער פויפּסט אַצינד די הענט זיך כאַטש וואַשן,
ס׳ווילט זיך אים ווי ארץ־ישראל־ערד אין זעקלעך,
דאָס ירדן־וואַסער איצט פאַרקויפן אין פלאַשן . . .

מים — „ההופכי הצור אגם מים” — — —
זע דער גאַנצער ים ווערן ווערט זיס וואַסער,
און ווי צוויי דאָרשטיקע העבער —: „מים! „מים!”
וועלן טרינקען לחיים אַמאָל, בן גוריון און נאַסער.

* מלאכים ב, קאַפּיטל ה.

## רבי נסים׳ס פייג . . .

ווי האָבן זיי אַלע געקנייט פאַר אים,
געטאַנצט פאַר אים, ווי פאַרן גאָלדענעם עגל,
ער אָבער איז געזעסן ביי דער גמרא,
געשמייכלט אין באָרד אַריין פון „גאַנצן בייגל”.

הויך אויפן קול ער מוז זיך צעלאַכן:
א בייגל? שטיינסגעזאָגט, א לאָך נישט אַפילו!
געקומען אין הייליקן לאַנד אַריין,
מיט אַזאַ טומל, מירמלען א שטילע תפילה . . .

אפשר זאָל איך אים אויף גאָלדענער טאַץ,
ברויט און זאַלץ — די תורה, א קייגנטראָגן!
פאַר די צוויי טויזנט יאָר שייטער און פלאַם,
דעם גרויסן יישר כוח אַצינד אים זאָגן.

ווי קליין ס׳לענדל, אַזוי גרויס טומלט זיך!
פון אַלע דעכער לאַכן הילכיק די פייגל:
א נס נאָך, ס׳איז דאָ א רבי נסים,
שטעקט ער אים אויס כאַטש, אויב נישט א פייג — א פייגל.



## צו די טויט - שטראָפן אין סאָוויעט - רוסלאַנד

„סנהדרין שהרגו אחת לשבעים שנה נקראת קטלנית”

מיר לייקענען נישט, אַז אויפן שוואַרצן־מאַרק,
נישט איין יידל מסתם זיך דאָרט אַרומדרייט;
אַז מיר זיינען חשוד אויף דיני ממנות,
אינם תלמוד אפילו בפירוש שטייט.

האָבן מיר נישט געמאַכט דעם שוואַרצסטן מסחר,
אונזערע „טויטע נשמות” דעם דייטש פאַרקויפט?
געשאַכער־מאַכערט, געפּאַטשט זיך אין די הענט,
און דאָס פרייזל אַראָפּ־און אַרויפגעשרויפט?

מיר וועלן אויך נישט לייקענען אַז יידן — — —
בלויז הערט א גמרא־ווערטל נאָך איינס נאָך,
נישט נאָר ערלעכקייט אין „טאַלמוד”, אויך חכמה:
„נישט די מויז איז די גנבטע, נאָר דאָס לאָך” . . .

און וויפיל לעבער מוז דאָס זיין איצט ביי אייך,
אַז פאַר גנבענען באַשטראָפן א מענטש מיט טויט?
און די „שוואַרץ־ערד”, אוקריייניש־רוסישע,
מוז קויפן דאָס טעגלעכע שטיקעלע ברויט . . .

## צום דזשעק רובי - פּראָצעס

פון דעם גרוילין־גרויזאַם־גרימיקן מאָרד,
מ׳מוז בלויז דעם חליפתי, נאָר זאָגן;
א רוביניזם בלייבן וועט איצט דאָרט,
ווי דאָ דער ראַבמאַניזם געבליבן.

די פיין אָפּגעשפּילטע חתונקע דאָ,
א מצווה־טענצל־ראָד זיך געצויגן,
פון לאַרדן־הויז ביזגל „הייזל”, און איצט —
שאַ שטיל נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

מען געפינט שוין דאָס כפרה־הינדל,
געדרייט געדרייט — כפרה־געשלאָגן!
„רובינשטיין, ליכטנשטיין” ס׳לידל שוין דאָ,
מ׳מוז בלויז דעם חליפתי, נאָר זאָגן.

אַז אַך און ווי צו אַזאַ שוואַרצע וועלט,
ייד אויף נעגער כאַטש איצט צו פאַרטוישן — — —
א, דער ווייס־געוואָרענעם רויטער דרים,
ער ציט זיך שוין שוואַרץ פון ארץ־גושן . .

ווייט ער קען זיך א לאז טון. דאס באווייזט די צאל ארטיקלען און עסייען, וועלכע זענען פון אים דערשינען אין „לשון און לעבן" אין משך פון לאנגע יארן. מער־ווייניקער איז פאלושאק באקאנט דעם יידישן עולם, ראשית, צוליב זיינע שריפטן, מייסטנס אבער צוליב זיינע רעפעראטן. הגם שלאגמעסיק אין זיין פארם פון ריידן, אבער זיין קלארער סטיל האט צוגעצויגן צוהערער, מחמת ר׳האט תמיד געהאט וואס צו זאגן.

חוץ מזה, זיין נישט פארענדיקט בוך, וואס אנטהאלט אן ערך פון איבער דריי הונדערט אנגעשריבענע זייטלעך, פון וועלכן אייניקע קאפיטלעך זענען געלייענט געווארן אויף די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס" און געדרוקט געווארן אין „לשון און לעבן". דערויף האט ער געלייגט אזויפיל האפנונג, אז די יידישע ליטעראטור וועט באַרייכערט ווערן מיט א ווערק פון גרויסן ווערט. אבער ס׳איז אים נישט באשערט געווען. אזוי איז שוין, מסתמא, דער גורל פון מענטש תמיד צו בלייבן א נישט־דערגרייכטער.

איך האב זיך באקענט מיט דער פאמיליע פאלושאק אינם יאר 1945, און באלד באקומען דאס געפיל, אז מען האט צו טון מיט ליבע, הארציקע מענטשן, וואס זענען גאסטפריינטלעך און רופן ארויס א נאנטקייט צו זיי ביי אייך. ער — א גרויסער ליבהאבער פון דער יידישער ליטעראטור און יידיש טעאטער, זי — א טראדיציאנעלע יידישע פרוי, א מוסטער פון א יידישער מאמע; איינע פון די זעלטענע גוטע נשמות. אלץ איז געווען גרינג פאר איר אינם שווערן קאמף פאר עקזיסטענץ, כדי אויפצוהאלטן דעם יידישן שטייגער לעבן.

צו אונזער גרויסן צער און ווייטאג, פאר די קאמפער פארן יידישן ווארט וועלכע רוקן זיך איינציקווייז פון אונז אוועק, ספעציעל אין דער לעצטער צייט, איז איצט צוגעקומען דער פרישער קבר פון אונזער אלעמענס חבר און פריינט אליהו פאלושאק.

אט די באשיידענע פערזענלעכקייט וועט פארבלייבן אין זכרון ביי אלע, וועלכע האבן נהנה געווען פון זיין שאפן און רעדן.

## אייזיק גאלדבערג

## צום טראגישן טויט פון אליהו פאלושאק ע.ה.

עס איז שווער צו גלויבן, אז דער שטורעמדיק־אומרואיקער גייסט פון אליהו פאלושאק ע״ה, איז פלוצים דורכן טראגישן טויט איינגעשטילט געווארן.

פאלושאק איז געווען א וועלטלעכער ייד, אנגעזאפט מיט יידישע און נאציאנאלע פראבלעמען, מיט אלזייטיק יידיש וויסן. באזונדערס איז ער מיט אלע פעדים געווען פארבונדן מיט דער יידישער ליטעראטור און מיטן יידישן לשון. אויך זיין הארץ האט געבלוטיקט אויפן יידישן חורבן, פאראורזאכט דורך נאצי־דייטשלאנד. זיין פראטעסט פלעגט ער אלעמאל ארויס־ברענגען מיט זיין איינגנארטיקן רעדנער־טאלענט, וואס איבער וועלכער ס׳איז טעמע ער האט נישט געזאלט רעדן, איז דער עולם קיינמאל נישט מיד געווארן אים אויסצוהערן.

דא אין לאנדאן, אין די יארן פון דער לעצטער מלחמה, האט זיך פאלושאק אנטפלעקט אלס רעדנער ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס", ביי „פריינט פון יידיש לשון" אנגעפירט פון דיכטער א. נ. שטענצל. דא האט ער זיך טאקע געזעלשאפטלעך אויסגעלעבט, געפונען א פלאטפארם פאר זיין ווארט און געהאט א לעבעדיקן קאנטאקט מיט גייסטיקע פריינט. אין דעם צוזאמענהאנג מוז מען אויך באטאנען, אז צוליב זיין ענגער איינשטעלונג בנוגע פארשידענע ענינים, איז אפטמאל געווען שווער אויסצוקומען מיט אים. דאך האט מען געהאט א גייסטיקן גענוס, קומענדיק אין קאנטאקט מיט אים ביי פארשידענע פראגן און פראבלעמען.

פאלושאק איז געווען פון די געראטעוועטע פליטים אויס דעם נאצי־גיהנום. ער מיט זיין פרוי, ע״ה, זענען קוים ארויס מיטן לעבן פון דארטן. די אלע געשעענישן און טראגישע איבערלעבונגען אונטערן נאציזם און פונם דייטשן פאליטישן לעבן, בכלל, האבן זיך אים טיף איינגעקריצט אין זיין נשמה. אט דאס אלץ האט ער, פון צייט צו צייט, ארויסגעברענגט אין זיינע ארטיקלען, וואס זענען דערשינען אינם זשורנאל „לשון און לעבן". ער האט זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק צו פארעפנטלעכן אין א בוך אלע זיינע אפהאנדלונגען איבער דייטשלאנד און זיין לעבן דארט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אן ביזן יאר 1939. עס האט געזאלט זיין אין דער פארם פון א ראמאן אונטערן נאמען „אונטער פרעמדע הימלען". דעם צוזאמענקלויב האט ער שוין כמעט געהאט פארענדיקט, און בקרוב האט עס געזאלט דערשיינען.

פאלושאק איז נישט געווען קיין „פראפעסיאנעלער" שרייבער. זיין פרנסה ינוקה האט ער אלעמאל זיך פארדינט פון שווערער ארבעט. אבער קוואליפיקאציעס פון א שרייבער האט ער געהאט, ווי א פליסיקע פעדער, וואס האט אלץ געשילדערט קלאר און דייטלעך. סיי אלס שרייבער סיי אלס רעדנער האט ער אלץ זאכלעך באהאנדלט, האבנדיק אלעמאל עפעס נייעס צו זאגן. ער האט אבער נישט געהאט „די שטארקע עלנבויגנס" זיך דורכצוזעצן אלס שרייבער, און דערפאר אפשר האט ער זיך ארומגעטראגן מיט א צארן און געהאט טענות צו דער וועלט . . .

לכבוד דעם דערשיינען פון זיין בוך איז געווען געווידמעט א „ליטעראַרישער שבת נאכמיטאג" און אויך א באנקעט פאר אים. צום באדויערן האט ער אייניקע טעג שפעטער באקומען א הארץ־אטאק, און בעת ער איז געלעגן אין שפיטאל איז אויך פארעפנטלעכט געווארן אין דער היגער וואכנצייטונג „די יידישע שטימע" א מעלדונג וועגן א צוזאמענטרעף מיט אים אין „ארבעטער־רינג" לכבוד דעם דערשיינען פון זיין בוך.

קומענדיק צו זיך, האט פאלושאק פון שפיטאל זיך געווענדן צו פריינט א. נ. שטענצל, אז ער זאל אים ראטעווען די סיטואציע און אים פארטרעטן מיט מיין ווייניקייט אויך, אז דער „צוזאמענטרעף" אין ארבעטער־רינג זאל דאך פארקומען.

אט וואס ער האט געשריבן אין זיין בריוו:

„נישט איך בין געווען בכוח, נאר איך האב אויך נישט געהאט די געלעגנהייט צו אלארמירן די וועלט. (וועלכע וועלט? . . .) אז מיטאמאל האט מיך ארומגענומען אטעם־שוועריקייטן, ביז איך בין א באוואוסטלאזער אן כחות געווארן געברענגט אין האספיטאל! ווען איך האב געעפנט די אויגן נאך עטלעכע שעה, איז מיין יונגע פלימעניצע געזעסן קיגנאיבער מיר, געשמייכלט און מיר געגאסן פרישע טראפנס וואסער, פשוט מים־חיים אין מויל אריין. דאס אנקוקן פון מיין פלימעניצע איז פאר מיר געווען ווי איינס פון די גרעסטע וועלט־וואונדער.

און אחוץ דעם זענען ארום מיר דאקטוירים, שוועסטערן, פלעגערינס. און הויפטזעכלעך מיט זויערשטאף אפאראטן האט מען מיך דערווייל געראטעוועט.

מיין פלימעניצע האט וועגן דעם געשריבן צו מיין טאכטער נאך ישראל. ווען זי וועט וועלן קומען, וואלט דאס געווען ביי מיר דער וויכטיקסטער גאסט . . . איצט דאס וויכטיקסטע. קומענדיקן זונטאג, דעם 12טן יאנואר, 3.30 נאכמיטאג, זאל איך רעדן און לייענען פארן ארבעטער־רינג אויף דער טעמע „אונטער פרעמדע הימלען". איר קאנט דאך מיין טעמע. איך וואלט אייך געבעטן, ווען איר קענט מיט דער הילף פון אייזיק גאלדבערג, ראטעווען די סיטואציע. איר וועט אריינפירן די טעמע, און אייזיק גאלדבערג וועט פארלייענען דאס ערשטע קאפיטל. דאס וואלט געווען מער מצוה לשם אנהאלטן קאנטאקט און עפעס זאגן, בעסער ווי גארנישט טון".

א. נ. שטענצל און איך האבן עס געהאלטן פאר א חוב נאכצוקומען זיין וואונטש, און מיט דער הילף פונם פארזיצער, פריינט ליכטיק, פון „סערקל־הויז“ איז דער נאכמיטאג אדורכגעפירט געווארן. די טעמע איז ארומגערעדט געווארן, און איך האב פארגעלייענט א קאפיטל פון זיין בוך.

ליידער, אין דער בעסטער צייט פון זיין לעבן, ווען ער האט געהאט אויפ־געהערט צו ארבעטן און זיך געוואלט אינגאנצן ווידמען דעם ליטעראַרישן געביט, איז פאלושאקס חלום צעשטערט געווארן. דער טראגישער טויט מיט דער שארפער קאסע האט אלץ אפגעשניטן ! . . .

עס ווערט ווידער א ליידיק ארט אין אונזער גייסטיק־יידישן ישוב דא.

אין משך פון לעצטן יאר האבן מיר געהאט צו פארצייכענען א ריי פאר־לוסטן דא אין לאנדאן. עס זענען פון אונז אוועק שלמה אויערבאך, מאריס מינדל, א. בלום און איצט נאך אויך אליהו פאלושאק. געגוי ווי זיי, וועט ער דא אונז פעלן.

כבוד זיין אָנדענק !

## דארא טייטלבוים

### ווייסט דער בוים אין וואלד ? (דאס ליד געליינט ביים שבת־נאכמיטאג)

ווייסט דער בוים אין וואלד
וויפל ער איז אלט ?
וויפל מאל ס׳האט ווינטערס שווערד
זיין גרינע ציר געשליידערט צו דער ערד,
וויפל מאל ער האט אין טיפעניש פון זיך אליין
זיין יוגנט־ווייך פארהיט
און יעדן יאר ביים פרילינג ראנד
מיט פראכט דער ערשטער ווידער זיך צעבליט ?

ווייסן וועלדער
ווער ס׳איז יינגער, ווער ס׳איז עלטער
ווען צו זון זיך קרוינען ציען,
און ווארצלען צו די זאפטן אין דער טיף,
ווען ס׳קומען פייגל צו נעסטן זייערע צופליען
און זינגען אומעטום צוגלייך
אז שווער צו ווייסן ווערט
דעם בוים, דעם פויגל, צי דעם פרילינג גאר
דאס ליד געהערט ?

ציילט דער בוים, חשבנט ער און מעסט
די בראכן פון פארלענד ?
וויפל קנאספן נאך אין בלי
און צווייגן וויפל אף די שייטערס זיינע ס׳האט
דער אמאן גאט פארברענט ?
ווייסט דער בוים אין וואלד
אז ער איז אלט
ביז רגע לעצטער
ווען צו האק
זיך שטאם באפאלט ?

---

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנארד באראן סעטלמענט — 3 אזייגער

שבת, דעם 29׳סטן פעברואר — טראַדיציאָנעלער פורים פראָגראַם — שלום־שבת, דעם 7׳טן מערץ : סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד פון זייער אמעריקא־טור.


~~(387-8)~~
248


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 3־4 (העפט 386) פינף און צוואנציקסטן יאָר מערץ־אפר. 1964 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה א ל ט :


אין די אפריל טעג, ערב פסח תש״ג, 9׳טער אפריל, פסח־באלאדעס ...... ** 1
אליהו הנביא אין פסחדיקן פאָלקלאָר (עסיי) ............ י. ריכטיגער 11
א פאסטוך ליד (לכבוד יום העצמאות) ............ דוד בערמאן 14
הכנסת־אורחים (ליד) ............ יוסף לעפטוויטש 15
א סעזאן פון יידיש־טעאטער אין אמעריקע ............ עלען ווינאגראד 16
אויף טשוויטשענעס (ליד) ............ הערשל לעווקאוויטש 20
דאס יזכור ליד וועגן מיכאלטשיק ............ פייוול יאוויטש 21
דאס מלחמה יאר 1914 (המשך) ............ א. נ. שטענצל 22
מאל איך אויס, עלעגיע (לידער) ............ דוד אפאלאוו
הרב יהושע שפעטמאן ז״ל ............
וויכטיגער רעדאקציע נאטיץ
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס


---

פרייז 2 שילינג

אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאָר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאלאר א יאר


אדרעס פון רעדאקציע און אַדמיניסטראַציע :—
'LOSHN UN LEBN,' 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London. E.1*